# יוסף דער יתום

אדער

# משפחת הצורים

איינע שיינע געשיכטע פון איין אומגליקליכען יתום
וועלכער איז דער נאך זייער גליקליך געווארען

נעתק ע״י [illegible]

## ווילנא

בדפוס ר׳ משה יואל בר׳ שמחה זימל פאפאגדאן

שנת תרכ״ה לפ״ק

ІОСЕФЪ ДЕР ІОСЕМЪ,

т. е.

Разказъ о сиротѣ ІОСЕФѢ

ВИЛЬНО, Въ Типографіи М. З. Типографа 1865

גבריאל ראזוויטש



עס איז ניט דא אזאן אשרעקליכע צייט פאר דיא אבער גלויבער (דאס הייסט דיא מענטשן וואס גלויבען אין אלע נארעשקייטן) ווי א שבת צו נאכטס (מוצאי שבת) דענע נארישע מענטשן מיט זייערע פאלשע נארישע געדאנקען דענקען אז אין דיזע צייט שטייען אויף טויטע פון זייערע קברים און גייען אום איבער וועלדער און פעלדער [illegible] און קלאגען אום. ווא [illegible] וועקען דיא לעבעדיגע און זיא וואלען מתפלל זיין פאר זייערע נשמות· אלטע נארישע ווייבער און [illegible] מאנסבילען פירכטען זיך אין די צייט צו גיין אליין אין גאס· און דער טעם צו פארען אדער גיין אין אזעלכע ארטער. נאך דער גלויבען זייא גלויבען אויך אז אין יענער צייט האבען כח מלאכי חבלה אדער שדים צו טאן ביז דיא מענטשן· גלגולים (דאס זיינען נשמות וואס האבען קיין מנוחה ניט אויף יענער וועלט) מגולגל צו ווערען אונד אריין קריכען אין גופים פון דיא מענטשן וואס גייען אליין . . . דעם פלוצלינגען כסלו שבת אזא נאכטס איז געוועזען אגרויסע זאווערוכע אשרעקליכער ווינד האט געוויט אונד אפירכטליכער שנייא איז געפאלען פון הימעל עס האט אוים געזעהן אזוי ווי דיא נאטור זעלבסט וויל דיא אבערגלוביעשע איינבילדונג פון דיזע נאכט פאר גרעסערן· דער ווינד פייפט· דר טייך רוישט דער פראסט איז גרויס· אין וואלד עס איז דריסען פינסטער ביטער און גליטשיק· אפאטיבעל און ערגער ווי דער טויט איז געוועזען פאר אריינגעהן צו פארען אין דיזע נאכט צווישען דיא בערג וואס איז ביי דער גרויסע שטאט קעלען און דיזער פינסטערנס און אין דעם גרויסען און געטליכער [illegible] ארטע

ארעמע פאמיליע אן אפראוואדניק (אונגע חייזער) אין דיזע
אונבעקאנטען וועג פול מיט שנייא. וואס האט זיך געשאפט אין
ווייטע געדיכטער. דיזע אונגליקלאכע רייזענדע האבן זיך קוים
גיקאנט האלטען אויף דיא פיס וואס זיינען געוועזען געשוואלען פון
קעלט. אונ האבען זיך גימוזט אבשטעלען זוכען פיליכט וועלכען
וויא וואס עס איז קאנען זיך בעהאלטען פון דיזען פירכטערליכען
אונגעוויטער. דיזע אונגליקליכע פאמיליע איז געוועזען: איין
זייער היפשער יונגער מענש. מיט זיין יונגע פרויא וועלכע האט
גיטראגען אויף דיא הענד איין ווייניגעס קינד. אונד אויך אפינף
יאהריגער זאהן וואס האט זיך נאכגישלעפט נאך דעם פאטערס
פאלעס. וויא זיינען אלע גיוועזען האלב טויט פון הונגער אונ קעלט.

מרים! מיר קאנען ניט גיין ווייטער! האט גיזאגט דער
מאן. מיר מוזען זיך היר אבשטעלען. פאר וויקעל זיך מיין
ווייב אין מיין פלאשץ אונ זעה וויא מיגלאך איז איינצוויקלען
אין איהם דאש קליינע קינד אויך אונ איך וועל נעמען אונזער
עלטערין זאהן יוסף'ן פיליכט וועל איך איהם קאנען וויא עס איז
דער ווארעמען...

דיא יונגע פרויא האט שטיל נעקהארכט גיפאלגט נאך
דיא ווערטער פון איר מאן. וויא האט זיך מיט איהר קליינע
טאכטער איין נעוויקעלט אין פלאשץ דער מאן האט גינומען דעם
עלטערין זאהן אויף דיא הענד אונ האט איהם אויך גיוואלט
איינווארעמען נאר אבער עס האט גאר ניט גיהאלפען געגען
דעם גרויסען אונגעוויטער וואס האט גידרייט אונ גיווייט אלע
ווילע שטארקער אונ דיא קעלט האט וויא דורך גינומען. אונ
דיא אונגליקלאכע רייזענדע האבען שאהן אנגיהויבען צו פילען
אז דער טויט איז שאהן גאר נאהענד. זיי האבען גיזעהן אז נאך
ווילע דיעלין דיא דער פראַרען וועהרען:



פלוצלונג האט דער מאן אשפרונג גיטאן. ער האט
אונגעפאסט דיא ווייב פאר איהרע הענד. אונ האט גישריען:
שטייא אויף מרים. שטייא אויף! ווען מיר וועלען דא
נאך ווייטער בלייבען זיינען מיר מיט אונזערע קינדער אלע פאר
לארען! מיר דארפען אנהויבען גיין ווייטער אונזער וועג. מיר
מוזען זיך שטארען צו קומען קיין קעלער, הערסטויא, עס קלינגען
דיא גלאקען!... מיר זיינען ניט ווייט פון שטאט. שטארק זיך
קלייב אויף דיינע כחות! דארטען ווארט מען דאך אויף אונז
מען וועט אונז דארפען בייא דיין פעטער מאיר העמבעל זייער
שיין צו נעמען!

מרים האט אנגיוועהנט אלע איהרע קרעפטען אויף צו
שטיין אבער עס האט ניט גיהאלפען דען איהרע אלע גלידער
זיינען גיוועזען פאר פרארען זיי זיינען געוועזען ווי פאר שטיינערט.
אום זיסט! אום זיסט! דען זיא האט אויף קיין פאל זיך ניט גיקאנט
בעוועגען. זיא איז גיפאלען אין שניי. אונ איהר קליינע טאכטער
איז ארויס גיפאלען פון איהרע הענד ווייניגערינ...

מרים! האט גישריען דער רייזענדער פאלענדיג צו דיא
פיס פון זיין ווייב בשעת ער האט געוואלט איין האלטען דיא בלוט
פון זייער קליינע טאכטערס קאפ. מרים! אום גאטעס ווילען.
שטארק זיך! קלייב צו זאמען אלע דיינע קרעפטען! ווען מיר
וועלען יעצונד ניט אוועק גיין פון דיזען אונגליקלאכען ארט: וועט
מען מארגען היר גיפינען אונזערע טויטע פאר פרארענע
קערפער!...

וויא ער האט אבער גיזעהן אז דיא טויטע מרים ענטפערט אים
נאך ניט האט ער זיך אום גיקערט צו זיין פינף יאהריגען זאהן:
הער צו מיין זאהן יוסף! איך נעם די קליינינקע שוועסטערל

דיינע

ניינע אויף די הענד אז וועל לויפען מיט איהר אין שטאט בעטין
הילף · איך קאן דיר מיט זיך ניט נעמען · דען איבער דיר וועל איך
סוזין באמעלאך זיין · און דער רעטונג פון אונז אלעמען הייננט
איצונד אפ נאר אן מיין גיבען לויפען ! ·

דיזעס ריידינדיג האט ער פון זיך אראפ גינומען זיין סורטוק
און האט אין איר איין גיוויקעלט זיין קליינעס זאהן · און האט
גיכאפט אויף דיא הענד זיין קליינינקע טאכטערילי איין האלב
נאקענדער איז ער גלאפען אין קעלען · וואש צום גליק זיינען
זייא נאר ניט אזוי ווייט גיוועזען פון שטאט ווייא דייא האבען
פריהער גימיינט · קומענדיג צו דיא טויערען פון שטאט האט ער
דארטין גיפונען איין וואך זאלדאטען · ליבסטע פריינד ! אין
גאטעס נאמען בעט איך אייך · זייט מיר וואו וואוינט דער
גרויסער מאהלער מייסטער מאיר רעמבעל האט ער גיזאגט מיט
זייער איין שלעכטער אויס שפראך צו דיא זאלדאטען · איך דארף
דיזען אייגען בליק מיט איהם ריידען ! וועהענדיג אהאלב נאקענדיין
מענשין צו טומעלט מיט ווילדע שרעקליבע אויגען און קאן ניט
ריידען · האבען דיא זאלדאטען גימיינט אז ער איז אמשוגענער
און האבען גיוואלט פון אים שפאס מאכען · דער מייסטער
רעמבעל · האט גיזאגט איינער פון זייא וואונט אט דארטען
נאר ניט ווייט פון דאנען אין דיא צווייטע עק שטאט · נעם זיך
רעכטס ! גיין ! גייא לינקס אין דער גאס אט דיא וואש דו זעסט
אן דארטען · גייא נאר גלייך · און דוא וועסט ארויס קומען
וואו הין דוא דארפסט · נאר גלייך · קער זיך ניט אפ ניט רעכטס
ניט לינקס · און זייא האבען זיך שטארק פאנאנדער גילאכט זייא
האבען הנאה גיהאט פון זייער גראבען גילעכטער וואש זיי האבען
גימאכט פון דעם אונגליקליכען ריזענדען · ער איז צו גילאפען



צו די לאנטערניע וואש איז דארטען גיהאנגען און האט זייא באוויזען
ווייא איין קינד שטארבט אין זיינע הענד דען איבער דיא פינסטערע
נאכט האבען זייא דאש פריהער ניט גיזעהן ·

יעצט האבען שאהן דיא זאלדאטען אויפגיהערט זייער
ביטערען שפאס · נאר עס האט אבער קיינער פון זייא ניט גיוואוסט
וועגען וועמען דער ריזענדער פרעגט דייא · זייא האבען קיינער
ניט גיוואוסט וואו וואהנט מאיר רעמבעל · דר ווייל עס איז אבער
יעדער אויגענבליק גיווארען אלץ וועניגער האפענונג צו רעטען
זיין ווייב מיט זיין זאהן · · · דיזער אונגליקלאכער נעבאך האט
שאהן זיך גיוואלט אומקערען קאריק אין פעלד · און דארטען
שטארבען צוזאמען מיט זייא · נאר גראדע אין דיא ווייל איז
גיגאנגען פארבייא דיא קאראוואניע אין שניידער · איין קליינינקער
ניט קיין הויכער מענשלע מיט אלאנטערניע אין האנד · ווייל זייא
האבען מורא צו זיין שבת צו נאכט אליין אין גאס אן פייער ·
דיזער קארלוקול האט גיהערט דעם אומגליק פון דיזען ריזענדען
עס האט איהם באלד דיא הארץ ווייא גיטאן אויף דיזען מענשין
און קומענדיג נעהענטער צוא דיא זאלדאטען האט ער נאך דעם
ריזענדעס קול באלד דער קאנט אז ער איז אזוי איין יהודי
וויא ער · לאמיר גיין ! האט ער גיזאגט צוא אים ! לאמיר גיין ·
איך וועל דיר אפ פיהרען צו דעם מייסטער רעמבעל איך גלויב
אבער ניט אויב מען וועט דיר אזוי שפעט עפענען · דיא טיר · און
בפרט היינט שבת צוא נאכט · הא ! נאר עס מאכט ניט אויס
עס איז אלץ איינס לאמיר גיין · און מיין ווייב · און מיין קינד ·
האט אגישרייא גיטאן דער פרעמדלינג · און האט איהם מיט קורצע
ווערטער דער ציילט פון זיין אומגליקליכע לאגע ·
ווען דוא האסט קיין אנדער האפענונג ניט צו רעטען נאך

דורך דיא הילף פון מייסטער מאיר רעמבעל . . . נוא! זיינען
זיא נעבאך אלע פערלארען! האט גיזאגט דער שניידער׃ דער
מייסטער רעמבעל וועט איין גראשען ניט געבען אפילו זיין
איינענם מאטען צו העלפען׃ הער צו וואש איך זאג דיר בעט בעסער
דיא זאלדאטען אז זיא זאלען זיין אין איינעם מיט אונז. אין פעלד
זיא וועלין אונז העלפין איבר טראגען. צוא מיר אין שטוב זיין
ווייב מיט דיין זאהן איך וועל אין שטוב טאן ארום זיא און דוא
וועסט דער ווייל אריבער גיין צום מייסטער רעמבעל׃ איך בין
ארעם׃ און ווייס ריכטיג ניט אויב איך וועל קאנען פאמיעשצען
ביא מיר אין שטוב פיר מענטשין אפילו איין נאכט׃ נאר גאט
וועט מיר זיין צו הילף! ער האט מיר גישיקט צו דיר׃ און איך
וועל טאן אלעם וואש נאר איך וועל קאנען . . . . .

דער שניידער וואש מען האט איהם גירופען מייסטער
נחמן בארועלא האט פאר גילייגט פאר דיא זאלדאטען וואש זיא
האבען צו מאכען מיט דיזען ארעמען מענטשין דאש זיא מהען
איהם מיט אלע זייערע קרעפטין העלפין אזוי וויא עס פארערט
דיא מענשענפריינדליכקייט׃ דר ווילע ביז וואגען דר באראבאנשציק
האט גינומען אויך דיא הענה דיא קליינינקע מיידעלע איבער צו
ביגרען דעם וואונד וואש זיא האט ניהאט אויפן קאפ האט דער
שערזאנט ערלויבט פיר זאלדאטען וועלכע האבען אנגיצונדין
אלאנטערניע׃ און זיינען מיט דעם יורען אוועק גיגאנגען׃ א׳
וועג האבען זיא זיך דער וואוסט דאס דיזער פרעמדלינג איז פאר
עטליכע טעג ערשט ארוים פון דער שטאט לימשיצא׃ מען
רופט איהם פיבוש נעמצעלי׃ אונד איז גיוועזען אמאהלער

נאך דעם ווי זיא האבען שאהן דיזעם אלעם גיהערט
[illegible] זיא זיך גימוסט נאך יאגען נאך נעמצעלען וועלכער איז





ניט גיגאנגען נאר גלאפען צו דעם ארט וואו ער האט גילאזען
זיין ווייב און זיין זאהן׃ ער האט אלע ווייליע גירופען יוסיפין׃ ער
האט אבער קיין ענטפער ניט גיהאט׃ דיא נאכט איז אלע ווייליע
גיווארען פינסטערער׃ דער שנייא איז גיפאלען שטארקער וויא
פריהער׃ דער ווינד האט געשווישעט׃ און דיא בוימער וואס
זיינען גיזעצט אויפען וועג האבען גירוישט׃ דיזער אונגליקלאבער
נעבאך האט נאך פיל צייט פארלארין ביז וואנען ער האט גיקאנט
דער גיין דעם ארט וואו ער האט מורא גיהאט אז ער וועט מער
ניט גיפינען ווי טויטע קערפער פון זיין ווייב און קינד׃ דיא
בורדע איז אויף אווילע אביסעל שטילער גיווארען׃ און שלאפען
קרעכץ האט נעמצעלי דר הערט ער איז גילאפען אין גיקעגענטרין
גיהאבען׃ און הערום גערינגעלט מיט דיא פינסטערע נאכט האט
ער קיים פורזינדינג גיקאנט צו קומען צו דעם ארט וואו עס איז
גילעגען זיין ווייב מיטען זאהן׃ דעם קרעכץ וואס ער האט
גיהערט האט דאש גיוועזען ארויס גילאזען איינר פון דיא אונגליקליכע
אין דעם לעצטען מינוט ראנגלען זיך מיטען טויט ווייל ער
האט גיפונען אין גראבען ליגענדיג זיין ווייב און קינד אונבעוועגליך
און דער פראהרען׃

נחמן בארועלא האט גיבעטין דיא זאלדאטען אז זיא זאלען
נעמען פיבושעס ווייב און זאלין איר אוועק טראגין צוא אים
אהיים׃ ער אליין האט זיך גיוויזען אפרימעך׃ ער האט גינומען
דעם טויטען קינד אויף דיא הענד און מיט זיין לעצטערניע האט
ער די זאלדאטען גלויבטען׃ ביז דיא זיינען גקומען צו זיין וואהנונג
וואש זי איז צום גליק ניט ווייט גיוועזען פון די טויערן פון שטאט׃
וויא עס איז האבען זיא זיך ארין גיקליבין אין זיין קליינינקע
שטיבעלע האט דער שניידער גיהייסען דיא זאלדאטען אז זיא

וואלען דיא סומע מיטען וואהן אריין לייגין אין זיין בעט · ער
האט דיא וואלראטען נידאנקט פאר זייער מיהע ; אונ האט זייא
גיהייסען אוועק גיין ער אליין האט זיך גינומען מיט אלע כחות
צוא העלפין דיא דרייא אונגליקליכע וועלכע עס האט זיך ביא
איינעם פון זייא גיט גיוויזען קיין שום צייכען פון לעבין :

דער שניידער האט גיבעטין נעטצעלען אז ער זאל איהם
העלפין · נאר צוא וויל ער איז גיוועזען איבער ניפרארען · אדער
דער גרויסער שברות הלב האט איהם אפ גינומען אלע זיינע
קרעפטין · נאר וויא עס איז · נעטצעלע איז גיזעסין וויא
אצוא גישמידט בין פייער וואש דער שניידער האט גימאכט
אין זיין אייזערנעם אויבעלע ער האט גאר ניט גיהערט וואש דא
טוט זיך · בארוכלע האט נעבאך אלץ אליין גימוסט טאן · ער האט
פון דיא פארפרארענע אראפ גינומען דיא קליידער וואש איז אויך
זייא גיוועזען פאר פרארען אונ פאר שאטען מיט שנייא אונ האט
זייא איינגעוויקעלט אין אלערלאך וואש ער האט גיין אויבען
אנגיווארעמט · זיין גאנצע ארעמע גאדרדאבע האט ער
פארנומען ארום זייא · אונ דער אייזערנער אויבעלע האט ביסלאך
ווייס אנגיהויבען צו ווארעמען דיא פיס פון דיא יונגע דאמע
וואס איז גילעגין אויף זיין בעטיל לעבין אויבען :

בארוכלא נעבאך האט זיך שאהן פאר מאטערט אונ איז
גיווארען מיד · דעריבער האט ער זיך גישטעלט אויף גיך אויף
אשטול אונ האט פון דיא אויבערשטע פאליצע פון זיין אלמער
ארויס גינומען איינע גוט פארפראכטע פלאש מיט גוטען שנאפס
וועלכע ער פלעגט נאר גיעצען פאר זיך אום יום טוב · נאך דעם
זייא ער האט זיך אביסעל מיט דיא מייערע משקה געשטארקט



דאש הארץ האט ער איינגעטונקט אשטיקעל גיוואנד אין דעם ·
אונ האט באמעלאך אנגיהויבען צוא רייבען דיא צודה מיט דיא
הענד פון מרימען · אונ נאך זייער פיל מיהע וואש בארוכלא האט
גיטאן האט ער זיך שוין גאר מיאש גיוועזען פון זייער לעבין :
ער האט זייא שוין גירעכענט פאר טויטע · פלוצלינג אבער
האט מרים גיעפינט דיא אויגען זיא האט עפעס וואש גישעפצעט
מיט דיא ליפען · אונ האט אויף גיהויבין איהרע הענד · · · זיא
האט גיפרעגט וועגין איהרע קינדער · · · זייא זיינען היער ! דיא
קינדער זיינען היער ! זארגט ניט וועגין זייא · · · נוא וואש מאכט
איהר ! מייסטער נעטצעללע ! קומט צו זיך ! צוזכעט זיך פאנאנדער !
אייער ווייב איז ניט גישטארבין · אט אייערע קינדערלאך וואלטען
זיך אויך אויפצוכען ווען איהר וואלט נאר אביסעלע מיר וועללען
מיט העלפין · · · איהר ווייסט וואש · לאמיר אויס טרינקען צוא
גליקלאך דיזען טאייערן שנאפס ! זיא האט גיהאלפין אייער
ווייב · זיא וועט אייך אויך העלפין · לחיים ! פאר אייער גיזונד
אונ פאר די גיזונד פון אבזוערע קראנקע !

נאך דעם וויא בארוכלא האט אויס גיטרונקען די גלעזיל
ביזען דעק האט ער דיא איבעריגע טראפינס וואש איז נאך אין
גלעזיל געבליבען ארויף גיגאסען אויף די הענד אונ האט אן גיהויבען
צו רייבען איינע מיט די אנדערע · נעטצעללי האט אויך גימאכט
אשנאפס · דיא משקה האט נעטצעללען אנגיהויבען גוט צוא דער
ווארעמען אונ זיא האט אים אויף גיוועקט פון זיין שטארקע מרה
שחורה וואש ער איז גיוועזין ביז אהער · ער האט אויס גישטעלט
דיא אויגען קוקענדיג אויף דעם פייער · דער וויל האט ער דער
זעהן ניט ווייט פון זיך זיין ווייב מיט דיא קינדער אונ האט זייא
דער קאנט · דיא טרעהרען וואש האבען אנגיהויבען צוא פאלען

אויף זיינע באקען האט איהם פאר גרינגערט דיא קוועטשונג פון
זיין הארצען ·

מרים! האט ער אגעשריא גיטאן · דו ביסט ווייטער מיט
מיר! דוא דערעסט מיט מיר ווידער! אז אזוי האבען מיר דאך
גאר גישט מער וואש צו זארגען! מיר זיינען ווידער אין איינעם ·
דוא לעבסט מרים! ער האט זיך באלד אנידער גישטעלט: זיינע
אויגען האבען גיקוקט אויף זיינע ביידע קינדער דיא יונגע פרויא
האט פאר שטאנען דיא גידאנקען פון איהר מאן פייבוש · אונ
האט איהם שטומער הייד מיט ווינקען גיענטפערט אז מיט די קינדער
איז גאנץ שלעכט · דעם שניידער האט דאס זייער פאר דראסען
אונ האט צו זייא גיזאגט: דאש וואס איהר זייט אין ספק אין
גאטטעס גוטס · ווייסט אויס אז איהר זייט ניט ווערט זיין חסד
אונ זיין אפענע האנד · גאט האט אייך צוריק גיגעבען אייער
ווייב · ער וועט אייך אייערע קינדער אויך צוא ריק געבין ·
פאלגט מיך אייערע איהר זאלט בערויערען אונ זארגען העלפט
מיר בעסער צו ראטעווען אייערע קינדערלאך! איך וועהט אט
דער עלטערער הויבט שוין אן צו קומען צו זיך · נעם מיר ארום
מיין שיבעלע! לאז איך וועל דיר דר לאנגען צו דיא מאמען! יוא
מיין זאהן · אט איז ער. . . פרייט זיך · קוסט איהם . . . איי גאט
איך הער דאנקען גאט! דאכט זיך אז דאש איז דיא שטימע פון
דיין קליינינקע שוועסטעריל! . . .

דער גוטער שניידער איז נעבאך גילאפען פון איין קינד צוא
דיא אנדערע · ער האט זיך גישטארעט מיט דיא גרעסטע
מענשליכע אונטער שטארקען זייא דיא הערצער מיט בהאנדלונגען
צו מישט מיט הייסע וואסער · איין אנדער מאל האט ער אויך
עלבינע משקה בעגאסען זיין וואלענע קאמענזעלקע אונ
האט



האט זיי דער מיט גירייבען · אין גיבען איז זיין פלאש גיוואהרן
לייהיג · אבער דיא אונגליקליכע זייגן שוין ארויש פון געפאהר:

וויא עש איז איבער גיגאנגען די ערשטע מינוטען פון פריידען
האט בארוכלא אן גהויבין צו בעטראכטען זיין קליינע שטיבעלע
ער האט פאר קנייטש דעם שטערען אונד גיקוקט אויפען בעטיל
דער וויל האט זיך דער קליינער יוסף אין גאנצין אויף גיצוקעט·
אונ האט זיך גירוקט אלץ נעהענטער אונ נעהענטער צום פייער·
וואש האט גיברענט אין אויבעלע אונ האט שוין אן גיהויבין צוא
באלטאייען · זיין קליינע שוועסטעריל איז גיזעסען ביי א מרימען
אויף די הענד מיט איהרע ווייסע הענטלאך האט זיא פאנאנדער
גינומען דיא שיינע לאקען פון דיא מוטערס לאנגע שווארצע האר
וואש האבין זיך אונגעאכטעט פאנאנדער גישאטען אויף מרימס
ווייסע פלייצע:

וואש פאר שווערע גידאנקען האבין דיר פארנומען · מיין
וואלטהעטער · האט גיפרעגט נעמצעלי אז ער האט דער קאנט
אויף בארוכלעס צורה אז ער איז אונרוהיג אונד צו טראגין ·

זאגענדיג דעם אמת האט גענטפערט דר שניידער הוסטענדיג
איך ווייס ניט וויא מיר זאלען דא מאכען אז מיר זאלען הור קאנען
דיא נאכט איבער קוממען! · · פינף מענשען אין אזוי א קליינעם
צימעריל · אונד איין בעט פאר אלעמען · איך האב שוין אין
אויבען דוא לעצטע ביסעל האלץ אריין גיווארפען נאר מיינע
שפייז קאנצעט זיך מיט דיא שטיקעל ברויט וואש יוסף עסט
יעצט מיט דעם גרעסטין געשמאק . . . נוא מיט וואש וועל איך
אייך אנקארמען איך גייא באלד צו מיין פעטער מאיר רעצביבעל
איך וועל איהם דער ציילען פון אונזער אונגליקלאבען שטאנד ·
וועל איהם בעטין אום הילף . . .

דער

דער שניידער האט געשאקעלט מיטען קאפ: הום! דאס איז דער איינציגער מיטעל וואס קאן אונז ארויס פירען פון קלאפאט. נאר איך האב ווייניג אויף איהם. נו א וואס מאכט דאס אויס, עס איז אלץ איינס. מען קאן דא ניט אויס קלייבן. איך צינד אן מיין לאמטערניע, איך וועל אייך בעלייטן אין אידעשע גאס דארט וואו עס וואוהנט דר מיסטער רעמבעל. דער אויס געצייכענטער מאלער. אדער דער פאר פלוכטער פריצענטניק. רופט איהם ווי איר ווילט. דען ער פאר נעמט זיך אויך איין מאל מיט צוויי זאכען. ער מאלט פארטרעטין. אונ רייסט פרעצענט. גיב גאט אז די הארץ פון אייער פעטער זאל ווייך ווערען. אונ ער זאל פאר אייך עפענען די טויערין פון זיין הויף:

דער שניידער האט גינומען פון בעט זיין פלאשק וואס האט דארטין גידינט פאר אקאלדרע אונ האט זיך אין אים גיוואלט איינוויקלען. גאר נאך דעם וויא ער האט אקליינע ווילע בעטראכט האט ער בארעכינט אז דיא קראנקע דארפין איהם נייטיג. האט ער אים ווידער אוועק גילייגט אויפען בעט וואו עס איז גילעגין נעמצעלעס קראנקע ווייב. דער נאך האט ער גיכאפט מיט ביידע הענד דיא לאנטערניע אזוי וויא ער וואלט וועלין אנווארעמען דיא הענד אן דיא ליכט וואס ברענט איינעווייניג. ער האט אוועק גיטאן צו נעמצעלען אז ער זאל מיט איהם גיין אונ האבען זיך ביידע גילאזען גיין אין אידעשע גאס אין אנדערען עק שטאט.

— 2 —

בשעה פייבוש נעמצעללי איז אהיים גיגאנגען מיט נחמן בארוועללא פון דיא אייגענע פאר דריבערטע שטיבעלע איז גיוועזען דרויסען זייער שטיל. דיא בורע האט אויף גיהערט. דיא לבנה האט



האט זיך גיזעהן אין מיטען הימעל מיט פיל שטערען ארום איהר. דער שנייא האט מיט זיינע ווייסקייט צוגידעקט דיא ערד. אלע זאכען האבען גיהאט איין דונקעלע ליכט פון דיא לבנה. אונ אין גאנצין שטאט האט מען ניט גיהערט א פארע. דיא שטילקייט וואס עס איז גיוועזען אומעטום האט גימאכט גרוים שרעק פון וועלכע עס האט זיך ניט גיקאנט אפ היטען ניט דער אלטער שניידער. אונ אויך ניט זיין קאמפאניאן. זייא האבען אבער איינער דעם אנדערין זייערע אבער גלויבען ניט אויס גיזאגט. ניט ווילענדיג האט זיך איינער צום אנדערין צוא גירוקט. אונ אזוי זיינען זייא דורך גיגאנגען עטליכע פוסטע גאסען וואו מען האט אפילו ניט גיהערט דיא קלעפ פון זייערע טריט וואס דיא זיינען גיגאנגען אויפין שניי. זייא האבען קיין מענטשין ניט אנגיטראפין. אונ אזוי זיינען זייא גיקומען אין אידעשע גאס.

בארוועללא האט גיזוכען מיטען האנד אויף א גרויסען מויער וואס איז גישטאנען הינטער אידעשע גאס ניט ווייט פון בית עולם. פאר דעם מויער איז גיוועזען א גרויסער הויף ארום גיצאמט מיט אהויכען אדיקען פארקאן. אונטער גייענדיג נעהענטער האט נעמצעללא דער זעהן אקליינע אנידריגע טיר מיט אייזערנע שטאבעס. אין מיטען טירעלע איז גיוועזען אמעשענע הענטיל. ער האט אציא גיטאן פארען הענטיל האט מען גיהערט וויא עס הויבט אן צוא קלינגען אגלעקיל בעגלייטעט מיט קולות אונ געשרייא פון הינט וואס הויבען אן צו בילען. נעמצעלע האט גיווארט עטליכע מינוט. ער האט צו גלייגט זיך אויער צום טיר. אבער קיינער גייט ניט עפענען. מען הערט ניט אונ מען זעט ניט. ער האט ווידער אציא גיטאן פארען גלעקיל דאסמאל קיינער ניט דא. אין עטליכע מינוט האט ער ווידער צום דריטען מאל גיצויגען

פארען

פארען גלעקיל וואש עס האט מער ניט פארגרעסערט דעם געשריי
פון דיא הינט וואש האבען, אלץ שטארקער גיבוללען ארויס
לויפענדיג פון ווייערע נארעס וואש זייא האבין ווייטער ניט געקאנט
לויפען ווייל זייא זיינען גיוועזען צוא געשמידט אויף שווערע
אייזערנע קייטען וואש האט שטארק גיקלונגען ·

געטצעלע האט צום פירטען מאל אנגיקלונגען אונ אין
איינינע מינוטען זיינען דיא הינד שטיל געבליבען אין הויף האט
זיך געעפינט אטיר · מען האט געהערט וויא זיא סקריפעט אויף
אייזערנע זאוויעסעס דער נאך האבען זייא גיהערט שווערע טריט
פון אמענטשין וואס איז גיגאנגען פון דיא טרעפ · אונ אלע ווייל
האט מען גיהערט הוסטען איין אלטען מאן ·

נאך אין עטליכע מינוט האט מען זיך שאהן אין הויף גאר
ניט בעאונרוהיגט וואש מען קלאפט אין טויער · נאך דעם וויא
זיי און איבער דריסיג גוואריין ווארטענדיג האט געטצלע ווידער
אמאל אקלונג גיטאן מיטען גלעקיל · אבער אזוי שטארק וואש
עש האט גוויזן מער אויף פאר דרוס וויא אויף האפענונג אז מען
זאל זייא עפענען דעם טויער · יעצט האט ער שוין פארשטאנען
פאר וואש איז אמענטש ארויס גיגאנגען · אונ וואס איז גיוועזען
דיא טריט וואס זייא האבען גיהערט · דיא הינט וואש האבען
פריהער גיבוילען פון ווייטען · זיינען איצטער גיוועזען פון
נאהענטען לעבין טויער · אב גיצעפעט פון דיא קייטען · אונ
האבען נאך פיל שטארקער גיבוילען זעהט איהר איך האב דאך
אייך גיזאגט אז זייא וועלען ניט עפענען האט גיבורצעט דער
שנייער לאמיר זיך אומקערען אהיים · עס איז בעסער צו פאר
ברייגען די נאכט אין מיין איינע שטיבעלע איידער ביא דיא
מיר וויט פון בית עולם · אונ אין אזוי אקעלט · דר צוא איז נאך





מיר ניט וויט פון בית עולם · אונ אין אזוי אקעלט דער צוא איז
נאך היינט שבת צו נאכט · איך שרעק זיך איך האב אלע ווייל
מורא אז אטויטער זאל זיך ניט אונטער רוקען צוא אונז פון קבר ·
ווען איר וואלט וויסען וואס מען דער ציילט דא פון דיזען
שרעקליכען ארט · · מען דארף גאר ניט ברוגז זיין אויף מאיר
רעסמבעק וואס ער האט אזוי שטארק פאר מאכט דעם טויער
פון זיין הויף · איהר זעהט דעם טויער ער אוזראך אגאנץ גרויסר
אונ זייער אשיינער · אונ פון דעסט וועגען איז ער צוואנציק יאר
גישטאנען פוסט עס האט זיך אויף איהם קיין סוחר ניט גיפונען ·
קיינער אין דער וועלט האט איהם ניט גיוואלט קויפען אלע האבען
זיך גישראקען פר דעם בית עולם· דר אלטער קארגער מאיר האט
דאס גיזעהן · אונ האט איהם גיקויפט נאר פאר אומזיסט · הום;
ער דער סקראנד וואלט מרוצה גיווארען אפילו צוא בעזעצין זיך
אין טויער פון גיהנם · נאר עס זאל איהם קאסטען מיט מיוענר
הבל וועלוועלער · הערט מיר צו קומט אוועק פון דאנען לאמיר
זיך אומקערן צו מיר אין שטיבעלע גיב נאר גאט אז מיר זאלען
שאהן קומען אהיים גיזונטע אונ לעבענדיגע ·

ביא דיזע ווערטער האט רה' שניידער אנגינומען געטצעלען
פארען האנד · האט איהם מיט זיך גישלעפט אויף גיך וויא ער
האט נאר גיקאנט · אונ האבען זיך גאר אפילו ניט אקער גיטאן
אהינטער · פון דיא קהעכצען פון ווייערע טריט אין שנייא · אונ
פון דיא פייפען פון ווינד וואס ער האט זיך איבער ניים גישטארקט ·
האבען זייא גימיינט אז עס יאגט זיך נאך זייא נאך עפעס אנשמה
וואש איז ערשט פון בית עולם · זייא זיינען גיקאפען מיט
בלייכע געזיכטער בעגאסען מיט אקאלטען שווייס · זייער

שטארק צו טראגען פון וואס זיא ווייסען אליין ניט · זיא האבען
געפילט אז ביידיי איבערין קאם היינטמו עפעס איין נייער אונגליק·
אונ אזוי זייגען זיא גיקומען צו ריק צום שניידערס וואהנונג מיט
ציטערנדע הענד האבען זיא גיעפענט די טיר פון דער שטיבעלע :

זיא זייען נאך איבערין שוועל ניט אריבער האבען זיא
גיהערט ! מאמינקע מאמינקע ! האט גישריען דער קליינקער
יוסף מיר איז קאלט ! איך האב מורא · מאמינקע ! שטיי אויף !
די מוטער ענטפערט ניט נעטצעלע איז היילענדיג אריין גיגאנגען
אין שטיבעלע · עס איז גיוועזען פינסטער ארום · אין אויבעלע
איז שאהן אויך ניט גיוועזען אפונק פייער · די ליכט איז פאר
לאשען · אונ דורך די שויבען פון די פענסטער וואס דער ווינד
האט אויס גישלאגען האט גיבלאזען א שרעקליכע קעלט · פייבוש
איז צו גילאפען צום בעט · מיט זיינע הענד האט ער אין דער
פינסטער אנגיטאפט איין אונבעוועגליכען טויטען קאלטען
קערפער · דאס איז גיוועזען זיין קליינקע טאכטעריל וואס
מרים האט איהר שטארק גיהאלטין ארום גינומען מיט איהרע
הענד . · בארולא איז גישטאנען אויפן שוועל אזוי צוא טומעלט
אזוי צו מיעשט אז ער האט ניט גיקאנט טאן א טריט · דער לשון
האט איהם אויך אב גינומען מיט מאטערנעס מיט יסורים איז
ער קום אריין אין שטיבעלע · ער האט גיוואלט וויא עס איז צוא
קומען צום אלמער · די קרעמעניע מיט הופקע מאכען
פייער · אונטער זיינע פיס האט גיפרעסקעט שטיקלאך גלאז פון
די צוא בראכענע שויבען · אם ענדע האט ער גימיינט אז ער
איז שאהן דאך צו גיקומען צום אלמער · ער האט זיך אבער די
פום



פים אן עפעס אב גישלאגען · ער האט זיך איין גבוינען · אונ וויא
גרויס איז זיין אונגליק ! דאס איז גיוועזען זיין מאיערער אלמער ·
ער איז גילעגען צוא בראכען אונ צוא ווארפען · נאך דעם וויא
דער אונגליקלאכער געבאך האט זיך אצייט גישארט אויף דער
ערד · האט ער דאך צום סוף גיפונען דעם קרעמען מיט די
אייזערנע קעסטעלע וואו עס איז גילעגען די הופקע · גאר די
קעסטעלע פאלענדיג גלייך מיט דעם אלמער האט זיא זיך
אויפגיעפינט · אונ די גאנצע פייער גיצייג האט זיך אויס
גישאטען · מייסטער בעצעלע · מייסטער בעצעלע ! האט
גישריען בארועלא · קיינער ענטפערט אבער ניט · שטראשנער
פון אלע אונגליקען פון אלע שרעק וואס זיא האבען גיהאט איז
גיוועזען דער שטיל שווייגען :

ווייער צוא שראקען אונ צוא מיעשט איז בארועלא ארויס
גילאפען פון שטיבעלע ער איז ניט ארוים גיגאנגען נאר ארויס
גישפרונגען · אונ האט זיך האסטיג אראב גיקייקעלט פון די
טרעפ · אונ איז אוועק גילאפען צו די זאגדאטען אין קאראולניע ·
די גוטע הארץ אונ דער שיינער אויפפיהרונג פון נחמן
בארועלא איז גיוועזען בעקאנט אין גאנצין שטאט · אונ
דעריבער האט אים דער צאסאוואי גלאזין אריין גיין אין
קאראאולניע · וויא די זאלדאטען האבען אים דער זעהן האבען
זיא פאר אים גימאכט פלאץ ביים אויבען · נאך דעם וויא דער
קליינינקער מענטשעלע האט זיך אביסעלע אב גיווארעמט ביים
פייער · אונ האט זיך דער פריעט וואס ער איז שאהן צווישען
לעבעדיגע מענטשין איז ער בישלאך ווייס גיקומען צו זיינע
קרעפטין אונ האט די זאלדאטען דער ציילט דעם גאנצען אונגליק
פון די גירעטעמטע מענטשין · דוקס האט בעשוויגען די
הארץ

הארץ פון דעם סערוואנט צוא שיקען מיט דעם שניידער צווייא וואלדעמען · זייא האבען מיט זיך גינומען אליכט מיט פייער גיצייג ·

בשעת בארועלא איז ארויס גילאפען פון זיין שטיבעלע האט ער איהר גילאזען אפען · איצטער אז ער האט זיך אום גיקערט איז זיא גוועזען פאר שלאסין אונ ער האט איר אויף קיין פאל ניט גיקאנט עפענען :

מייסטער נעטצעלע ! האט ער גשריען דאס בין איך אונ איך האב גיבראכט אלעס וואס מען דארף צוא מאכען פייער · עפענט ! . . . ניט די טיר עפענט זיך · אונ ניט קיינער ענטפערט · דער שניידער האט גישריען · די וואלדאטען האבען גישטוקעט עס איז אבער אלץ אום זיסט · צום גליק האט ער זיך דער מאנט אז דער שליסיל פון טיר איז בייא אים אין קעשענע · וויא ער האט אויפגישלאסען די טיר איז ער אריין גיגאנגען מיט דיא וואלדאטען זייא האבען גימאכט פייער אין צימער · פון דיא שרעקליכע קארטינע וואס בארועלא האט גיפונען האט ער זיך אב גירוקט צוא טומעלט ער, הייר עטליכע טריט אהינטער · מרים · מיט איר מאכטעריל זיינן גילעגין טויטע · דער קליינינקער יוסף האט זיך גיקייקעלט אויף דער ערד · עס האט אים גיווארפין פון קעלט אונ פון שרעק אין דער הייך · אונ פייבוש איז גיזעסען אויפען בעטיל מיט אבלייכע צורה מיט ווילדע אויגען · אונ מיט אפירכטערליכען משוגענעם גילעכטער האט ער גיוויזען אז ער לעבט נאך . . .

בארועלא האט גימיינט אז ער אליין וועט אויך אראב פון זינען · וואש פאר אנאכט ! האט ער גישריען את פאר וואסערע חטאים שטראפט מיר גאט מיט אזוי איין אונגיהערטען אונגליק ! וואס וועל איך ערסט אנהויבן צו טאן ! וואס טוט זיך פארט ביי





מיר אין שטוב ! צווייא טויטע ליגען בייא מיר אין בעט : לעבין זייא ווצט אמשוגענער · אונ דער צוא נאך דער קליינער יוסף ראנגעלט זיך מיטען טויט: ער איז געפעהרליך ! . .

ער האט זיך פאר קלעמענעס אווארף גיטאן אויף איין אלטען שטול ער האט מיט ביידע הענד צוא גידעקט דיא צורה איינינע מינוטין איז ער אזו גיזעסין · אונ דיא וואלדאטען אליין האבין גימוסט האטעווען דעם אונגליקליכען יוסף : נאר דיא נאכלעסיגקייט פון דעם גוטען נחמן האט אויף גיך גיפעלט · אונ וויא פון שלאף האט ער זיך אויף געכאפט צוא העלפין דעם וואס וועניגט זיך מיטען לעבין · זיין אידעלער מענשענגעפיהל האט אים אויף גיהויבען פון שטול · ער האט יוסיפין גינומען אויף דיא קניא צו מקעגין פייער וואס דיא וואלדאטען האבען גימאכט · אונ אום ענדע האט דער קליינינקער וויא עס איז דאך אויף גיהערט צוא ציטערין · דיא וואלדאטען האבין דער וויל צו רעכט גימאכט דיא ארויס גיפאלענע פענסטער ווי זיי זיינען מיט דיא ארבייט פארטיג גיווארען · האבען זייא שטילער הייך ארויס גינומען דיא ביידע טויטע פון בעט · אונ האבען זייא גילייגט אויף דער ערד · וויא מען איז נוהג בייא אונזערע אידען · אונ האבען גיוואלט נעמען דעם משוגענעם נעטצעלען מיט זיך אין קאראאולניע · וועלכע עס האט גאר גישוויגען · נאר אז יוסף האט דאש דער זעהן האט ער זיך ארויס גריסען פון שניידערס הענט · אונ איז ארויף גיפאלען אויף דעם אונגליקלאכען פאטער:

נעמט מיר אויך מיט אים ! האט ער גשריען איצטער איז אזוי קאלט · לאמיר צו זאמען דער פראהרען ווערען !

הינע ווערטער האבען גירירט דיא הארץ פון בארועלע · שאקי אזו ! האט ער גיזאגט אז איך לאז בייא מיר דיא טויטע

געמצעלע, מיט זיינע פייערדיגע ווילדע אויגען, אונ מיט אפירכטערליכען גילעכטער האט ער גיקוקט אויף זיין אונגליק · דער שרעק וואס עס איז פריהער גיוועזען אין צימער האט זיך יעצט נאך פיל מאהל פארגרעסערט ·

בארועלע האט זיך אזויא וויא פון שלאף אויף גיכאפט מיט גרויסע צרות אין הארצין · ער האט גיקוקט ארום זיך · אונד האט אגרויסען זיפץ גיטאן וועלכער עס האט גיוויזען וויא אויף גרוים דאגה · אזוי אויך אויף פיל פארדרוס מיר קאנען פארציילען אונזער גוטען שניידער פון קעללעש אויף זיין פארדרום · דען דער וואס איז גיוועזין אין קעללען וויים דעם גרויסען ארדענונג וואס עס איז דארטין אין דיא היזער וויא ריין אונד שיין · וויא ציכטיג אונ ליכטיג וויא וואהנען זיך · ווען דיא ווירטען זאל אפילו זיין דיא גרעסטע פוילערקע אין דער וועלט · שפיים זיא פון דעסט וועגין אויף אלע טאג ניט שפעטער וויא פיר דעם זייגער אין דער פריא · אונ נעמט חיינעגע וויא צוויא שטונד גיווערט ביא איהר אב צוא ריינינען · אונד אב צוא פוללען יעדער זאך · דיא פארלאגע איז זיים עס שפילט אונ עס לעכט יעדער זאך פון ריינקייט · בארועלע נעבאך האט דער זעהן וואס ביא אים אין שטוב טוט זיך זיינע ארעמע מעבול איז איינגעריכט אונ צוא בראכען אויף דער ערד ליגען טויטע מענשין בלאטע אונ שטיקלאך צו בראכענע גלאז איז פול אין אלע ווינקעלאך · אונ דער משוגענער שפיים אונ בראקעט נאך דעם וויא ער האט אויף גיהערט זיין שרעקליכען גילעכטער איז ער גיבליבען זיצען ביין



פאר וואס זאלין בויא מיר נים בלייבען דיא לעבעדיגע אויך · נים צעפעט דעם ארעמען קליינינקען אונ רירט אויך נים זיין פאטער ער איז דאכט זיך נים קיין געפעהרליכער משוגענער · איך האב מורא אז די זאלדאטען וואס וועלין איך אום ביימין וועלין זיך נים אזו גוט ווי איך בהאנדלען מיט דעם אונגליקליכן מארגין וועל איך אריבער גיין צום מייסטער העמבעלי: אט ווא קארג ער איז וועט ער פון דעסט וועגין געבין אויף הוצאות הקבורה אונ אויף תכריכים פאר דיא טויטע · אונ צום קראנקען נעמצעלע דארף מען גאר קיין געלט נים · דארף נאר בעטין דעם גבאי פון הקדש וועט ער אים הייסין צו נעמען צווישען אלע משוגעים · אונ דעם קליינעם זון וועט געווים מאיר רעמבעל נים פאר לאזען אונ פיליכט וועט ער אים נאך זעלבסט וועלען ביא זיך ערציהען · דען ער איז דאך זיין שוועסטערם איין איניקל · גיים מוגטער הייר ברידער · איך דאנק איך פאר אייער טרחה גאט זאל איך העלפין ·

אז די זאלדאטען זיינען אוועק מנאנגען האט ער גינומען אשטיק שווארצע גיוואנט · אונ האט דיא טויטע צוא גידעקט דעם קליינעם יוסף האט ער איין געוויקעלט אין קאלדרע · ער האט בילאך וויים אלין גיבראכט אין ארדענונג · אונ האט זיך אנידער גיזעצט זאגען תהלים ביז טאג:

— 3 —

זייער טרויעריג איז גיוועזין צו קוקען אויף דיא שטיבעלע פון נחמן בארועלא אנאנצע נאכט · נאך טרויעריגער אבער איז גיוועזען · אז דיא שטראהלען פון דיא זון האבען זיך בעגעגנט מיט דעם דונקעלין פייער פון דיא ליכט וואס האט גיברענט ביא דיא טויטע צו קאפען דער ביא איז גיזעסען דער משוגענער

אויבען ווא אײן שטיק האלץ ער האט זיך ניט גירירט
פון ארט דיא אויגען האבין גיקוקט גלייך אונבעוועגליך אונד
ביא אים אויפען נעזיכט איז ניט גיוועזען צו זעהן ניט קיין פרייד
אדער לייד דיזע אונגליקלאכער איז נאר גלייך גילטיג גיוועזען
צו אלץ׳ אהיים ער קויל מיט פייער איז אויף גיפאלען אויף זיין
הוילעפוס האט ער פון יסורים אפירכטערליכען גישרייא געטאן׃
נאר ער האט קיין שכל ניט גיהאט דאס אראפ צו ווארפין
ביז זאנגען דער נומער שניידער האט אראפ גישארט דיא
פייער פון זיין פוס׳ אונ ער איז גיבליבין ווייטער זיצען
אויף זיין ארט אונבעוועגלאך׃ דער קלייניגקער יוסף האט
גישמאק נישלאפין וויא אפארמאטערטר׃ בארועללא האט
איהם ניט גיוואלט אויף וועקען׳ עס האט אים זייער פארדראסין
צוא שטערען דעם קינד פון זיין טיפען שלאף׳ נאר וואס
העלפט דאס׳ עס איז שאהן גרויסער טאג׳ דער עולם גייט
שאהן אין שול דאווענען׳ דער שטאט זייגער שלאגט שאהן
אכט׳ מען דארף זעבען מיטלען מיט וואס צוא פארדיכטען
אלע אונגליקקען וואס עס האבין זיך גיטראפין אין דיא
פארגאנגענע שרעקליכע נאכט׳ אונ דער שניידער האט מיט
זיין האנד אן גיהויבען וועקין דאס קינד׃

שטייא אויף שעהנער זאהן׳ אונ קום מיט מיר האט גיזאגט
דער שניידער צו דעם אינגעל וואס האט אויף איהם גיקוקט
מיט פארשלאפענע אויגין׳ אט איז דיין היטעל׳ גיב מיר דיין
האנד מיר דארפין גיין, אונ מיין טאטע אונ מיין מאמע,
האט דאס קינד גיפרעגט׳ וויא שלאפען. . . קום, איך
וויל פון דאנען ניט אוועק גיין וואו איך זאל זיא פריהער
ניט קושען דיא האנד, אזוי! ווילסט דוא זעהן זיין איין



אונגעהאראמער זאהן דיין מאמע האט מיר גיזאגט אז גאנץ
פריא זאל איך מיט דיר אוועק גיין ניט ווארטען ביז זאנגען
זיא וועט אויף שטיין האט גיזאגט בארועללא׳ יוסף האט
זיא גיוואלט ניט גיוואלט׳ ער האט גימוסט, מיט איהם גיין
אז ביז איהרעשע נאס׳ אין אנהערע עק שטאט ניט ווייט
פון בית עולם׳ קומענדיג צום טויער׳ האט דער שניידער
אקלונג גיטאן מיטען גלעקעל׳ אונ איין אלטע אידענע איז
באלד גיקומען עפענען דיא טיר׳ ווען אויך דיא איז גיוועזין
אנגיטאן נאר וויא אדינס אין זייער אשלעכטע קלייד׳
נאר אן צורה האט מען גיקאנט פארשטיין אז דאס איז
אליין דיא ווירטין פון הויף׳ ר׳ מאיר רעמבעלס ווייב׳
אונד דערייבער האט נתן איהר אויף גיך גיזאגט׳ גוט
מארגין! וואס דארפט איהר דא׳, עפעס ביידעט מיט ר׳
מאיר רעמבעל׳ איהר. . . . מען קאן זיך מיט איהם אזוי
פריא ניט זעהן האט גיזאגט דיא אלטע מיט זייער איין
גראבע שטימע׳ ער טוט ערשט דיא מלאכה׳ קומט נאך
האלבען טאג, איך האב קיין צייט נאך אמאהל צוא גיין׳
אונד עס וועט נעווים דעם הערן רעמבעל פארדריסען פאר
וואס ער האט זיך מיט מיר ניט גיזעהן איך וויל איהם
עפעס געבין . . . זיינע אזאך . . . נעווים געלט׳ האט
גיפרעגט דיא אלטע׳ אונ האט שטארק גיקוקט אויף בארועללא׳
נאך אבעסערע זאך וויא געלט! האט דער שניידער
גיענטפערט זייער קאלט בליטיג׳ וואס קאן זיין נאך בעסער
וויא געלט׳ האט זיא ביא זיך גיטראכט׳ גייט אריין׳
האט זיא צו איהם גיזאגט׳ נאר איהר זאלט זיך ניט לאנג
אויף

גארטען · פײנעלאך פון אלע שענסטע פארבין האבין
גיהאלטען אפען די מײלכעלאך אזוי ווי זײ וואלטען
זײער שײן זינגען זײער אקלאהרער טײך איז גיפלאססען
דורכען גארטען · אונד פיש האבין גישוואומען אינעווייניג ·
דער הימעל פון איבין איז גיוועזען זײער שאהן · אונד
אגאנץ גרויסע ליכט האט זיך גיוויזען פון דארטען · צוויי
נאקיטע מענטשין זײנען גישטאנען אונד האבין תפלה גיטאן
צו גאט · אונד נים ווײט פון זײא איז גישטאנען אמלאך
מיט זײער אליכטיגע געזיכט לאבענדיג · אין אײן האנט האט
ער גיהאלטען אקעסטעלע פול מיט אללע טהייערסטע זאכען
אונד אפינגער פון די אנדערע האנט האט ער גיהאלטין
אויפען נאז · אונד אונטען האט ער זײער אײן טײערע ליד
גיוואלט אויף שרייבין · דער שניידער נעבאך האט גיווארט
אז דער יתום זאל מיט איהם אנהויבין עפעס ריידען · דער
ווײלע האט ער אקוק גיטאן אויף די גימעלדע · האט ער
זיך גאר אז אלץ פאר געסען · דען ער האט דאס אויף
זײן לעבין נים גיזעהן ·

אדם מיט חוה אין גן עדן ! ווי הערליך שיין דאס
איז ! האט מיט אגעפיהל אוים געשריען דער קליינינקער
יוסף · פון קלאנג דיזער שײנע אײדעלע שטימע האט זיך
דער מבעל א גיקערט · וואס רעדעסט דו א זעלכע זאכען וואס
דו פארשטײסט נים האט ער גיזאגט · מײן פאטער איז
אויך אמאהלער · דער צו האב איך נאך אפעטער וואס מאהלט
זײער שײנע קארטינעס · מײן פאטער האט אפט גירעט
פון איהם · אונד האט דער צײלט אז מײן פעטער איז איצט



אויף האלמען · איהר זאלט קיין איבעריגע צייט ביא איהם
נים אוועק נעמען · אונד אין פאל ווען איהר נארט מיר
אפ ווערט איהר זעהן וואס פאר אפסק איהר ווערט האבין
פון מיין מאדין פאר וואס איהר שטערט איהם אומזיסט
פון זיין ארבייט · קומט אריין !

וויא בארועלע איז מיט דאס קינד אריין גיגאנגען האט
דיא אלטע ווידער פאר שלאססען דיא טיר · אונד האט
אוואונק גיטאן צום שניידער אז ער זאל איהר נאך גיין ·
גייענדיג איבערין הויף זיינען ארוים גילאפען דיא פיר
גרויסע הינט פון ווייטע נארעס · נאר זייא זיינען גיוועזען צו
גישמידט · עס איז איהם אשקרוך אריבער איבערין לייב אז
ער האט זיך פארגישטעלט וואס מיט איהם וואלט גיוועזין
אז זייא וואלטען ביא נאכט אויף איהם ארויף גיפאללען ·
עס וואלט שאהן פון איהם אביין נים גיבליבין :

ארויף גייענדיג דורך דיא פאראדנע טרעפ · איז ער דורך
גיגאנגען דורך צווייא גרויסע זאללען פוסטע נאר אן מעבעל דער
נאך איז ער אריין אין איין צימער וואס איז בעלויכטען נאר מיט
איינעם אגרויסען פענסטער דארטען אין אווינקעלע האט ער
דער זעהן אמענטשין שאהן איין איינגעלעבטין אין יאהערן · דיא
קאפ איז גיוועזין פאר וויקעלט מיט אווייסע פאצײלקע אבארד
האט ער גיהאט אלאנגע מיט צווייא שפיצען אפארקרייצטין
שטערין · מיט אויגען וואס פאר טראגין אין אנדערעם קאליר
וויא עס נים ביא ווילדע חיות דיזער מענטש איז גישטאנען
פאר אווארשטאט פון אמאהלער · אונד ער האט גימאלט אויף
אליוונט שיינע בוימער אונד בלומען אזוי וויא דעם שענסטין

דער גרעסטער מאהלער, אזוי! ביסט דוא געוויס פופצענס
דעם מאהלערס אפּליטעניק · ווייל נאך מיר קאן מען גאר
איהם איינעם רופען מיטען עהרען נאהמען גרויסער מאהלער ·
זאג דיין פאטער אז דיין פעטער איז א גרויסער מאהלער
אבער ניט דער גרעסטער אין דער צייט ·

מיין פעטער מאהלט בעסער פאר פופצענס · אונ בעסער
פאר אייך אויך · האט יוסף געענטפערט ווייל ער האט ניט
געוואוסט מיט וועמען ער רעדט · טא ווער זע אין ער האט
פעראכטליך געפרעגט דער אלטער · רעמבעל ! · האט דאס
קינד געענטפערט · ביסט דוא רעמבעלס פלימעניק דוא ? · ·
אזוי ביסט דוא דאס נעטצעלעם אזאהן · וואס מיין פלימעניצע
האט מיט איהם חתונה געהאט ניט נאך מיין רצון נאך · ·
ארויס פון דאנען · איך וויל ניט קאנען ניט דיר ניט דיין טאטען !

דאס קינד האט זיך פאנאנדער געוויינט · אזוי הייסט
דאס דארף ער געבאך אויך שטארבן פון הונגער אונ קעלט ·
אזוי ווי זיין מוטער מיט זיין קליינינקע שוועסטעריל וואס
גאט האט זיי היינטיגע נאכט צוא גינומען · ! ·

זיין פאטער איז נאך געבליבען ·

דער פאטער · · ! · · · דיא ארעמוט אונ דער אונגליק
האט פון אים אפ גינומען זיין שכל · ער איז ערשט משוגע · ·
טאטינקע · מאמינקע ! שוועסטעריל ! · האט געשריען יוסף
וויינענדיג · אויף רעמבעלס איין גידארטע באקען האבין זיך
געקייקלט טרערין · איז דאס ריכטיג וואס דו זאגסט מיר · ווי מרים
מיין שוועסטערס טאכטער · זיא האט דאס כשר פאר דינט !
האט זיך אפ גירופען מיט אבייזע שטימע רעמבעלס ווייב וועלכע





איז מיט אזייט צוא גיגאנגען נעהענטער צו זיי · אונ האט זיך אין
דיא רייד ארין געמישט · ווען דיא נאר, · האט זיא ווייטער
גיזאגט · וואלט הערין דיין עצה אז זיא וואלט דיר גיפאלגט
וואלט זיא אין אזוי אין ארעמוט ניט גישטארבין, ·

מייסטער רעמבעל ! . האט גיזאגט אויף גיך בארועלא .
אייער פלימעניצע מיט איהר טאכטער זיינען גישטארבין ·
איהר מאן איז משוגע אונ זייער לעצטע קינד שטייט יעצט
היר פאר אייך · איך בין צו אייך גיקומען בעטין אויף תכריכים
מיט הוצאות הקבורה פאר דיא טויטע · אונ אשטיקעל ברויט
פארען קליינינקען זאהן מיטען משוגענעם פאטער ! · · ·

רעמבעל האט טראכטענדיג אקוק גיטאן אויף זיין ווייב
זיא האט גיכאפט דעם קליינעם צו שרעקענעם יוסף פאר
דיא הענט · אונד האט גלייך אנידער גישטעלט לעבין שניידער
אונד האט איהם גיזייט · אז ער האט זיך ניט מוסט אפ
הוקען אהינטער :

זוא · ריכטיג אזוי ! האט זיא גישריען מיין מאן דארף
זיך אנבינדען אויפען האלדז אמשוגענעם הונט · מיט
אצולאזענעם אינגעל . · · ער הארעוועט נעבאך טאג אונד
נאכט · אונ אלץ וואס ער וועט פארדינען וועט ער דארפין
אוועק געבין דיא לידאקעס · וואס זיא זיינען ניט ווערט
אז זיא זאלען איהם אפילו אמאהל אויף זייער גידאנקען
ארויף קומען · · · ניין ! כל זמן איך וועל לעבין וועט דאס
ניט געשעהן ! ארויס פון דאנען · · · ארויס ! ·

איהר דיינקט אויך אזוי הער רעמבעל . האט גיפרעגט
דער שניידער מיט אהייבע שטימע · רעמבעל האט ווייטער

גינומען די פענדזיל אין האנד · אונד האט אווארט ניט
גיענטפערט · בארועלא האט ארום גיריסען דעם ארעמען
קינד פון די אלטע וויעדזמעס הענט :
לאמיר גיין יוסף · האט ער אנישרייא גיטאן לאמיר גיין ·
ווען דיין פעטער טרייבט דיר אוועק פון זיך וועלען דיר
אבער פרעמדע ניט פאר טרייבין ! גאט האט דיר גישיקט
צוא מיר · איך וועל דיר ניט אוועק ווארפין · פארפלוכט
זאל זיין די הויז אין וועלכע מען וויל ניט גומל חסד
זיין מיט טויטע ! .. פאר יאגט פון גאט אונד פון לייט
זאללען זיין די וואס האבין קיין רחמנות ניט אויף
אונגליקליכע אונד ארעמע ! ביידעריט דיזע ווערטער מיט
גרוים פארדרוס האט דער שניידער גינומען יוסיפין פאר די
הענט · אונד איז אויף גיך אוועק גיגאנגען פון די הויז
פון דעם גרעסטין מאהלער · בייענדיג אז בארועללעס כעס
איז אביסעלע שטיללער גיווארען האט ער אנגיהויבען צו
טראכטען וויא זאלער זיך דאך וויא עס איז ארום העלפין
פון זיינע צרות · וויא פיל ער האט ניט גיטראכט ; וויא
פיל ער האט ניט גיקלערט · האט ער ניט גיפונען קיין שום
עצה צו פאר גרינגערין זיך זיין שווערין שטאנד אין וועלכען
ער איז גיוועזין ; פלוצלינג האט ער דערזעהן זייער פיל
גוואַרדייסקע אפעצירען האבין גיריטין לעבין איהם זייער
האסטיג דער ארעמער שניידער האט גימוזט מיט אלע זיינע
כוחות אריבער לויפען אויף יענער זייט גאס · דער קליינער
יוסף וואס האט ניט גיקאנט אזוי גיך לויפען וויא ער איז ער
נעבאך געפאלען ; אונד האט שטארק געשריען ; דר גרעסטער
פון די אפעצירען האט זיך באלד אב גישטעלט · איז אראפ





גישפרונגען פון פערד · איז צוא גיגאנגען צום קינד · אונד
האט איהם גוט ארום גיזעהן אויב ער האט זיך עפעס ניט
גיקיילעצעט · אז דער אונבעקאנטער האט גיזעהן אז דאס
צוא שראקענע קינד האט זיך נאר גישט אב גישלאגען ·
האט ער איהם אריין גירוקט אין האנט א גילדערנע מטבע ·
איז ווידער ארויף גישפרונגען אויפען פערד · אונד האט
גיבעטין דעם שניידער אז ער זאל איהם ווייזען די וועג וואו
מען גייט צו די וואהנונג פון מאהלער רעמבעל :-
די הויז איז אם ענדע אידעשע גאס לעבין בית עולם !
אה ! איהר זייט רייך מיין הער · מען נעמט איך דארטין
זייער שיין צו נעמען · אונד ארעמע לייט נעמט מען דארטין
ניט צו · מען גיט זייא דען דארטין גאר קיין הילף ניט ..
האט גיפרעגט דער אונבעקאנטער · הילף ! .. · אין די
פארפלוכטע הויז זאגט מען אז אפילו פון איין איינגענעם
פלימעניק · בארועללא האט דעם אונבעקאנטען דער ציילט
די גאנצע געשיכטע דיזער האט דאס זייער גוט אויס
גיהערט · ער האט ארויס גינומען א בייטעל פול מיט געלט ·
האט גינומען פיר מטבעות פון זייא · אונד האט גיגעבין
דעם שניידער · אט זאגט דער אונבעקאנטער אט האסט דוא
מיט וואס מקבר צו זיין די טויטע · אונד אויף די ערשטע
נייטען פון דעם קראנקין מיט דאס קינד · זאג מיר דיין
נאהמען · אונד וואו דוא וואהנסט · איך וויל דאס ביא
מיר אין טאשענביכעלע פאר צייכענען · הייגט פר נאכט וועל
איך זיין ביא דיר · מיר וועלען דארטען רעדען וואס מיר
האבין נאך צוא טאן · דוא ביסט איין ארענטליכער מאן ·
צום ווידער זעהן :

דער אונבעקאנטער האט אזעז גיטאן מיט זיינע שפארען דעם פערד : אונ האט דער יאגט, זיין סוזמע : בארועללא איז גיבליבן שטיין זייער צו פרידען אונ פארוואונדערט :

— 4 —

נאך דעם ווי רעמבעלס וייב האט דורך גיטריבן פון הויף בארועלען מיט דאס קינד אונ האט דעם מאן : בפריים פון דיא קללות מיט דיא זלזולים וואס דער שניידער האט אים גיגעבן איז העמבעל צו גיגאנגען צום ווארשטאט : ער האט גינומען דיא פארב אונ דעם פענדזיל גאר אום זיס האט ער זיך בעמיהעט ווייטער צו מאהלען : זיינע הענט האבן גיציטערט : ער האט ניט גיקאנט האלטען גלייך דיא פענדזיל ער איז גיוועזען שטארק צו טראגען אונ האט אויף קיין פאל נישט גיקאנט ענדיגען דיא געמילדע : אמאהל פיר האט ער זיך גיפרובט ענדיגען דיא ליד אויף דיא קארטינע : אונ יעדער מאל האט ער גישוסט אונפאדיכטער ווייזע : אוועק לייגען דיא פענזיל פון האנד : זייער פאהדריסלאך אונ ביז האט ער צו זאמען גלייגט דיא הענט פארען לייוואנד : אונ האט זיך זייער שטארק פארטראכט : אויף גיך האבן אים די גדאנקן איבער גיטראגען אין דיא פארגאנגענע צייט פון דער יוגענד אין דער צייט ווען ער איז גיבליבן איתום פון פאטער אונ מוטער : וואס וואלט דאטאלסט פון איהם גיווארען ווען ניט זיין עלטערע שוועסטער לאה : ווען זיא וואלט איהם ניט ערצויגען : ווען זיא וואלט איהם ניט גיהיט ווי איין איגענע מוטער . . . וואס זע האט ער אבער איצטער גיטאן . . . פאר דעם יתום דעם איינציגען איניקעל פון זיין שוועסטער לאה



לאה : האט ער פאר שפארט דיא טירען פון זיין הויז : ער האט ניט גיוואלט געבין עטליכע רובל מקבר צו זיין זיין פלימעניצע דיא שוועסטערס טאכטער . ! . . . אה : ווי מיעס דיא צייט אונ דיא קארגהייט האבן איהם דיא הארץ אום גיביטען ! . . . עס איז וואהר ! מרים איז גיוועזען אום גירעכט מיט דעם וואס זיא האט חתונה גיהאט ניט נאכען פעטערס רצון עפעס פאר ניט קיין רייכען מאלעריל . אבער איהר חטא איז גאר ניט אזוי גרויס אז מען זאל איהר אזוי הארט בעשטראפען אפילו נאכען טויט . . . יוא האט געטראכט דער אלטערי דיזע אונגליקלאכע פאמיליע זיינען אליין טאקי שולדיג אין זייערע אייגענע צרות : אבער איך האב דאך זייא קיין הילף ניט גידארפט אפ זאגען : וואס איז געבאך שולדיג דאס קינד : דער אונגליקלאכער קליינער איינגעל . . . ער האט פלוצלינג אשפרונג גיטאן פון שטול ער האט ארויין גירוקט דיא הענט אין דיא ברייטע קעשענע פון זיין קאמעזעלקע : אונד האט פון דארטין ארויס גיצויגען אלעדערנעם בייטעל : ער האט אפ גיציילט פינף אדער זעקס רובל : ער האט גוט בעטראכט יעדער רובל ביזונדער פון אלע זייטין : ער האט גירופען זיין ווייב : בורצענדיג דורך דיא ציינער איז דיא אלטע אוועק גיגאנגען פון קיך אונד איז צו גיגאנגען צום מאן : נאר ווי זיא האט דער זעהן אז ער האלט געלד אין האנד : האט זיא פון שרעק אונ פארדרוס אשפרונג גיטאן אהינטער : וויל נאך דעם אומעט וואס עס איז גילעגין אויף רעמבעלס צורה איז לייכט גיוועזען צו פאר שטיין וואס ער האט גיוואלט מאן מיט דיא געלט . . . אהא ! . . . אזוי גאר : דוא צאלסט

מיט מוזסן געלד פאר דיא זידלעריא מיט דיא קללות פון
דעם שלעפער · זאל מען נאר אקאר דר גיין פון אזו אשיינע
מעשה קאן איך דיר געבין ערבות אז אלע ליידאקעס
גראביאנעס אונד עזות פנימער וועלען דיר דיא שוועלען אפ
שלאגען בעטינדיג נדבות ! ווען דוא האסט זוא איבעריגע
געלט קויף בעסער פאר דיין וואהן אקאפאטע · אונד נאך
בעסער פון אלץ האלט נאר קאריק דיא עטליכע רובל אין
בייטעל · פאר ליידאקעס אונד הולטאייעס זאל דיר ניט אהרין :
רעמבעל האט זיך שטארק אנגיוואלקענט · אונד מיט זיין
פטראנגען בליק האט ער איהר שטיל גימאכט :

איך האב דעריבער חתונה גיהאט מיט אפראסטע דינסט
האט גיזאגט דער מאהלער נאר דעריבער אז זיא זאל מיר
פאלגין אונד ניט איבער שפארען אין קיין זאך · דוא זאלסט
איפען שטעל דיא געלט אוועק טראגען צום שניידער נחמן
בארועללא · גייא גיכער · מיין פלימעניצע דארף מען מקבר
זיין ווא גיהעריג איז · אונד איהר מאן מיט איהר זאהן
הארפין אין קיין זאך קיין נויט ניט האבין ·

רעמבעלס ווייב האט גיזעהן אז דעם מאהל מוז זיא
פאלגין דעם מאן נעגין איהר ווילען · האט זיא גינומען
איהר אלטע קאטינקע · האט אנגיטאן איהרע גראבע שיך
אונד האט זיך שאהן צו גיקליבין צו גיין · רעמבעל אליין
האט דער וויל גינומען דיא פארב האט צו זאמען גיקליבען
דיא פענזעלאך וואס אגאנץ גרויסע קאץ האט זיך מיט זיא
געשפיהלט · דיא האריץ האט אים ביסלאך ווייס אויף גהערט
צו קלאפין די טרויעריגע גידאנקען זיינען ביסליכווייס פאנאנדער
גיגאנגען · ער איז שאהן רוהיגער גיווארען · ער האט גירעכינט
אז דער וויל איז ער יוצא אנטקעגין זיין טויטע פלימעניצע



מיט איהר קראנקען מאן, אונד גיזונטע קינד · ער האט שאהן
גיוואלט זיך ווייטער שטעלען מאהלען · נאר מיט אמאהל
האט דער גלעקיל פון טויער אנגיהויבען שטארק קלינגען ·
דיא ווייב האט ניט גיוואלט גיין עפענען · זיא זאגט : ווער
זויים ווער עס קלינגט ווייטער ·

אין אווייל ארום האט דער גלעקיל נאך שטארקער
גיקלונגען וויא פריהער אז ער האט זיך נאך אהאר ניט
אפ גירישען · דיא אלטע איז גילאפען צום טויער מיט
לארעם · גישרייא אונד זידלעריא · וויא זיא האט אבער
איהם אויף גיעפענט איז זיא גאר צוא טומעלט גיווארען
זעהענדיג אז דער וואס האלט פאר דיא מעשעניע העמטיל
פון גלעקיל איז דאס גיוועזען זייער איין היפשער מענטש ·
גאנץ רייך גיקליידעט אין חאיענע קליידער מיט איין פריילאכע
געזיכט · איין דאמע איז געריטען לעבין איהם אונד אגאנצע
סוויטע פון עלסטע האבין ארום גערינגעלט דעם טויער ·

דיזער מענטש וואס ער איז גיוועזן דר עלסטער פון דיא
גאנצע סוויטע האט גיזאגט צוא דיא אלטע : מעלדע דיין
הערן דאס איין פרעמדלינג וואס איז גיקומען אהער קויפען
ביא איהם קארטינעס וויל זיך מיט איהם זעהן · בערוהיגט
פון דיא אידעלע אונג ארענטליכע שטימע פון דעם אונבעקאנטן
האט דיא אלטע אויף גיעפענט דעם טויער אין גאנצין ·
אונ האט אריין גילאזען דיא גאנצע סוויטע אין הויף · דער
דווילע איידער זיא האט צו גימאכט דעם טויער זיינען זייא
אלע אראפ פון דיא פערד . אונ אויסער איין פראסטער
זאלדאט וואס איז גיבליבין ביא דיא פערד זיינען דיא אלע
ארויף גיגאנגען דורך דיא פאראדנע טרעפ · אונד שטילער

היה האבען זיא זיך אהין גיקליבן אין דיא שטוב וואו
רעמבעל איז געוועזען: אז רעמבעל האט דער זעהן ביא
זיך אין שטוב דיא רייכע גרויסע געמיינדע איז ער גיווארען
אומעטיג: דען עס האט איהם זייער פארדראסען וואס זייא
זיינען איהם אויך גיקומען שטערין פון זיין ארבייט: ער
האט זיך גינייגט אונד גיגרוסט דיא רייכע בעזוכער: דער
גרעסטער פון זייא האט גינומען אביינקעל: אונ נאך אין
צערעמאניע האט זיך אהין אונגיבעטין אנדערע גיזעצט
גלייך מיטען מאהלער: אין דער צווייטן דיא גאנצע
סנוימע זיינע זיינען גישטאנען נייט אף גירוקט פון זייא
אז זייא האבין ניט גיקאנט הערין דעם געשפרעך פון זייער
עלסטען מיט רעמבעלען: שיין אונד נוהריג איז געוועזען
צוא בעטראכטין דיא קארטינע פון דיא פארשטעלונג פון
דיא צווייא מענטשען וואס זיינען געזעסען איינע לעבין דעם
אנדערען: אונד וואס זייא זייען גאר אויף קיין פאל ניט
אין איינער אויף דעם אנדערען: אין ערשטען בליק האט
מען אפילו יוא גיזעהען אז דיזע צווייא געהערען צום צאהל
פון דיא אונגעוויינליכע מענטשען אויף דער וועלט: דער
ערשטער פון זייא איז געוועזען א מאן פון פופציג יאהר אהויכע
געוויקס: ער האט אנים גיזעהען זייער יונג: איז גיגאנגען
אין זייער רייכע וועגע קליידער מיט פיל מעדאלען אשפאנגע
איין גיזעצט אין גאלד אונג בורלאנטין האט ער גיטראגען
פון דער זייט: ער האט גיקאנט מיט זיין דורך דרינגענדע
אויגע דער גיין וואס עס טוט זיך אינעווייניג ביין מענטשען
אין הערצין: דאס געזיכט איז געוועזען זייער אידעל: אונג
זיינע ווייסע אונד שיינע הענט האט גידארפט מקנא זיין

דיא



דיא גרעסטע פארשוין: דער אנדערער איז גיוועזין פאר
קערט: עס איז אויף איהם אלץ גיוועזין קענטיג: דיא
עלטער וואס איז אויף איהם פריהע הערויף גישפרונגען:
פאר הארעוועט: אונד געלט גייציג: אקליינער דיקער
קערפעריל איינגעהיקעלט עפעס אין איין אלטע קאפאטע:
עס האט אויס גיזעהן אזוי ווייא ער ווייס גאר ניט וואס
איז דאס ריינליכקייט: דיא לאנגע האר זיינע וואס האט
אנגיהויבען גראה צו ווערען איז גיוועזין פאר וויקעלט ווייא
עס איז מיט אפאצייליקע וואס איז אמאהל ווייס גיוועזען
פיל קארבין אונד קנייצין זייטען גיוועזין בייא איהם אויפען
געזיכט נאר אז מען האט זיך איינגיקוקט האט מען אויף
גיך הערויס גיזעהן אז אונטער דיזען שמוץ ליגט איין
אונגעוויינליכער גרויסער קאפ: אונ ניט אלע האבין אזעלכע
טהייערע הענט ווייא זיינע פערשמוצטע זיינען איין ווארט
זייא זיינען ביידע גיוועזען גאנץ גרויסע מענטשין: אבער
זייער פארשידען אין דיא כאראקטערין.

דער וויל אין דער צייט ווען רעמבעל האט זיך גשפילט
מיט זיין העסליכע קאץ חאס אין דיא קלענסטע אבער
גלזיבישע געדאנקען האט מען איהר גיקאנט רעכענען פאר
אניט גוטע (שד): האט דר אונבעקאנטער דערווייל בעטראכט
דיא קארטינע: אונ צו ווילען איז בייא איהם ארויס עפעס
האלבע ווערטער פון פאר וואונדערונג אונ התפעלות..

וואש פאר אבעצויבערטע פארבע! וואש פאר אפרישקייט!
עס לעבין דאך גאר אלע פערזאנען! עש איז נאך קיין מאל פון
דער אקאדעמיא ניט ארויס אזוי אשיינע טייערע קארטינע...
מייסטער רעמבעל! זיא בלייבט פאר מיר...

איך

איך קאן דאש ניט ! די קארטינע האט גיקאזט מאכין איין גיוויסער גרויסער הער פאר טויזענד טהאלער .

איך גיב אייך פיר טויזענד אונ די קארטינע איז מיינע ! . איך שווער אייך אז די קארטינע וועט בעפוצען מיין נאנצין דוואָרעץ ! וואנקראך . גיב דעם מייסטער רעמבעל פיר טויזענד טהאלער · וואנקראך · האט אנישרייבין מיט גרויס פאר וואונדערונג רעמבעל , ווער זע זיים איהר דאש אליין אז וואנקראך דינט ביי אייך פאר אקאזנאצייא . . איך בין פופענס · האט גיענטפערט דער אונבעקאנטער · איך בין גיקומען אהער אום זיך נאר צו זעהן מיט רעמבאלן · פופענס ! · דר קייזערליכר מאהלער ! · האט ער ווידר האלט שטילער הייר · אונ האט איהם בעטראכט פון קאפ ביז די פיס · פופענס ! איר ווייט דאך אליין אמאהלער ווייסט איהר דאך גיוויס וויא טייער אונז איז די צייט דעריבער נעמט ניט איבעל איך וועל זיך פון דאס נייע נעמן צו דער ארבעט מען דארף דאך וויא עס איז פאר דינען אויף אשטיקעל טרוקענע ברויט . אונ האט דער ביי אשטארקן זיפץ גיטאן · דיזע פאלשע ווערטר איז ארויס פון די שלעכטקייט אונ גרויסקייט פון דעם איינגעוואוטציגען מענטשין דער וואס האט באהאלטען אין די קעלערין פעסלאך מיט גאלד וואס מען האט זיא ערשט נאך זיין טויט גיפונען · רעמבעל האט גינומען זיין פענדזיל · עס האט קיין שטונד ניט גיוועהרט . אונ די קארטינע איז שאהן פארטיג . פופענס האט צוא גירופען די נאנצע סוויטע אונ זייא האבין זיך אלע שטארק פאר וואונדערט קוקענדיג אויף די אויס געצייכענטע קארטינע . אונ מיט איינע הויכע שטימע האבין זייא אלע צוא זאמען





מיט רעמבעלען גיזונגען די שיינע ליד וואס דער מייסטער מאיר האט אונטער גישריבין · דאס איז זיא :

דער גליק

1

אין דעם זעקסטען טאג
אם פרייטאג פאר נאכט
אין נאך גאטס פר זאג
הער שאהן אלץ גימאכט .

2

די נאנצע נאטור
אין פאללקאם העררויס
גאר אן אברעקיל שפור
איז דא קליין אונ גרויס

3

עס איז דאך שאהן דא
אללעס אויף דער וועלט
אוך איז אין די שעה
דער מענטש הער גישטעלט

4

אונד פון פוסט אונד לעהר
איז אללעס פארטיג
אונד וואו נאר אקער
איז אללעס ארטיג

5

די ערד וואקסט דאך שיין
פיטעלאך זינגען
דער טייך פליסט דאך ריין
אונ די פיש שפרינגען

6

דער גן עדן גארטען
זייער שיין געציערט
מענטשין פון צוויא ווארטין
האבען זיך שפאצירט

7

אדם איז איינער
די צווייטע זיין ווייב
ער איז מיט ביינער
די אריפ פון לייב

8

הערום אונ הערום
הערט מען מיט אמאהל
וויא זייא גייען אום
דאך פון גאט זיין קול

9

דיא שטימע איז זיס
ווייער זאנפט צו הערען
וויא דיא נאטור פריש
טוט קיין זאך ניט שטערן

10

וואס מאכט איהר קינדער
דאס זאגט גאט צו זייא
זייט נאר קיין זינדער
און האט נאר קיין ווייא

11

איהר זאלט נאר פרום זיין
לעבט אין גן עדן
גליקלאך נאר אן פיין
איך וועל אייך ניט שיידען,

12

און וואס איהר ווילט נאר
בעט ביי מיר אללעם
איך גיב בט איין דאר
מיט אלע מעלות....!

13

דיזעם צו הערען
האבען זיא זיך געפרייט
אווילע זאל געווערען
וויא האבען זיך אנגעגרייט

14

אדם האט דאך יוא
וואס צו פאר לאנגען
חוה אויך אזוי
וויל וואס דער לאנגען

15

איך בעט דיר מיין גאט!
זאגט אדם. איך ביטטע
גיב מיר שכל גיב דאס
אויך אהארץ אגוטע.

16

גיב מיר אויך פיל געלט
איך זאל אויך זיין שטארק
אנאהמען אויף דער וועלט
און אראפ פון מארק....

17

דער נאך איז געגאנגען
חוה אויך צוא גאט
זיא וויל אויך פאר לאנגען
ניט קיין שכל קיין דאס,

18

אויך ניט קיין גבורה
ניט קיין געלט טומך
בעט זיא מיין בורא
אויך ניט קיין נאהמען



19

איך זאל נאר זיין שיין
אט דאס איז מיין געוואונק
מאכ' וויא גאלד דיין
דאס זאל זיין מיין קונץ.

20

איך זאל גוט זינגען
איך זאל אויך געפעלען
טאנצען און שפרינגען
און אלע זאלען קוועלען....

21

אט ביי דיזע ווארטען
שוויגט דאך שטיל חוה
וויא זיל שאהן דארטען
זיין שיין וויא אפאווע

22

דיא הצלחה דער גליק
האט געהערט און געלאכט
ומענטשען דעם אויגען בליק
האט איהר שלעכט געמאכט.

23

איהר ווייסט וואס איך לאך.
אוי! איר האט פאר געסן.
אן דיא גרעסטע זאך
אן מזל האט איר פאר געסן.

24

אן מזל איז אומזיסט
חכמה אויף דער וועלט
אן מזל העלפט דאך ניט
אפילו אז מען האט געלט.

25

דיא גרעסטע פארשוין
וואס טוג זיא אן גליק
אפילו אקרוין
אנאלדענער שטיק.

26

דוא מאנסט אויך זיין שיין
וויא דיא זאהן אויבען
אן גליק בוסט דוא ניט ריין
מען וועט דיר ניט לויבען.

27

אן גליק איז גאר ניכט
אין עבירה מיין שכל
אן גליק איז אלץ אומזיסט
מאנסט זיין ווי דר מלך איכל!

נאך

נאך דעם וויא רעמבעל האט זיך אביסעלע אפ גערוהט
איז ער אויף געשטאנען: אונ האט געזאגט צו פופענסן:
עס איז נאך ערשט ניט דא קיין צוועלף אוהר איך
קאן נאך ביז פאר נאכט אנהויבען אונ ענדיגען אקארטינע:
ליבסטער פופענס דריזע הייסט צו נעמען אויף איין עוויגען
אנדיינקען פון מיר גלויבט מיר אז איך שלאף אמאהל ביא
נאכט ניט: טראכט איך דאמאלס נאר וועגן אייער גרויסען
נאהמען: מיין טהייערער חבר! – ניין! איך בין ניט
אייערער קיין חבר. נאר אתלמיד בין איך אייערער. איך
וויל דאס אייך ווייזען: ער לויבט מיר נאר צו נעמען יענע
נייע שטיקעל לייוואנד מיט דיא פענזעל וואס איהר האט
יעצט זעלבסט אין אייערע הענט געהאלטען: אונ איך וועל
פאר אייך ארבייטען: איך וועל זיך בעמיהען, אייך נאך
צוא מאכען... קום נעהענטער העלענע. זעץ זיך היר
לעבין ווארשטאט עס זאל מיר זיין אנגענעהמער צו מאהלען
מייסטער רעמבעל! איך האב דיא עהרע אייך צו מעלדין
אז דאס איז מיין פרויא:
רעמבעל האט אקוק געטאן אויף דיא יונגע שיינע אידעלע
דאמע: אונד האט מיט אלע כוחות אנגעשריא געטאן צוא זיין
אלטע וואס זיא איז דיא גאנצע צייט געשטאנען לעבין קיך
אונד אפ געשאמט דעם טאפ: ער האט איהר גענומען פארען
האנט: אונד מיט אנראבען געלעכטער האט ער איהר צוא
געפיהרט, צו זיינע געסט: אונד האט געזאגט:
אט דאס איז מיין ווייב מייסטער! איך האב דיא עהרע
איהר פאר צו שטעלען!
פופענס האט זיך גענומען צו דער ארבייט: אונד האט



געזאגט: איך בין זייער אונרוהיג געוועזען איבער אייך:
איינע האבען צוא ריק האט זיך ביא אונז געהערט אז
איהר לעבט שאהן ניט מער אונד אסוחר פון קארטינעס
האט אונז געוויזען אבריף פון אייער זאהן וואס ער האט
דאס איהם געשריבין: רעמבעל האט זיך נאך אמאהל מיט
זייער איין גראבען געלעכטער פאנאנדער געלאכט:
איך האב געדארפט האבען זעקס טויזענט רובל צוא
בעצאהלען דיא לעצטע געלט פאר דעם מויער: האב איך
דעריבער פאנאנדער געקלונגען אז איך בין טויט: אום איך
זאל פאר מיינע קארטינעס נעמען אין צווייען דעם מקח:
אונד עס איז טאקי אזוי געוועזין: דען וויא מען האט נאר
דער הערט אז רעמבעל איז טויט האט מען באלד געצאלט פאר
מיינע קארטינעס אונד מען האט צו חאפט וויא פיל עס
איז געוועזען: נעמט ניט איבעל מיין הערר! איך דארף
שאהן זיין מיטאג עסען: איך בין ניט אזוי דרייסט אייך
מיט צו בעטין: דער ביא איז אזוי אגרויסע סוויטע מיט
אייך: אונד דער מיטאג איז אזוי אקליינינקיים פאר אונזער
קליינע געזינטשעלע: פאר מיר מיט מיין ווייב: מיט מיין
קאץ צערמיל: גיב מיר עסען! נאך דעם וויא רעמבעל
האט אפ געגעסין: איז ער צו געגאנגען צום ווארשטאט:
אונד האט געזעהען אז פופענס מאהלט אפ זיין איינענע
ווייב העלענע: דיא קאפ איז שאהן פארטיג: אונד ער מאכט
שאהן דעם קערפער: רעמבעל האט געקוקט אויף דיא אוים
געצייכענטע קארטינע האט זיך שטארק געוואונדערט: געפריים
אונד אויך מקנא געוועזען: יעצט זייענען מיר שאהן קוויט
האט געזאגט רעמבעל זיין הער מייסטער! האט זיך

אפ גירופען פופענס · זיין מיר זיינען נאך ניט קוויט · אן
איך · אן דעם אז איך וואלט איך ניט זעהן מאלענדיג
אונד וואלט ניט גיהאט אייער פענדזיל וואלט איך דיזען
פאטרעט ניט אזוי גוט אפ מאהלען · די קארטינע איז
פילייכט די בעסטע געמעלדע פון די אלע וואס איך
האב ביז אהער געמאהלט · זייט אזוי גוט מיר די
פריינדשאפט אונד נעמט צו איין צייכען פון דאנקבארקייט
פאר א מתנה פון מיר דיזע קליינינקע קעסטעלע מיט
זילבערנע טיש געשירר · וועלכע איך האב נאר פון אייערט
וועגן גילאזט מאכען · אונד עס איז אויך ווי איך אויס
געקריצט אייער נאהמען מייסטער מאיר דעמבעל. יעדער
מאהל ווען איהר וועט זיי ניצען וועט איהר זיך ידער
מאנען אן אייער שילער אונד גוטען פריינד. דעמבעל האט
גלייך גילטיג בעטראכט די אויס געצייכענטע געשאנק
וואס פופענס האט אים גיגעבען · די ווייב אבער האט
מיט נחוס היין דורך גיזעהען יעדער שטיקעל בעזונדער
ווי פיל עס איז ווערט · איהר זייט א גרויסער גיעהרטער
מאן · מייסטער פופענס · אונד אזוי איין אבעמעד מאהלער
ווי איך בין דארף איך צו נעהמען אנגעשאנק וואס אזוי
א פאהרנעהמער העהרר האט מיר בעערהרט האט גיענטפערט
דעמבעל שמייכלענדיג · ניט אזוי צערטעלע מיין ווייב · היא
זילבער געשירר איז בעסער פאר אונזערע פלאטערנע לעפעל ·
הא הא . נו לייג זיי אוועק אן אויס · באלד
וועל איך שאהן זוכען אוועק לייגען די פענצעל פון
האנט · ער קערט זיך אום צו פופענס אונד זאגט אז דער
זייגער שלאגט צוויא ווער איך אסחר · אידען סוחרים ·
מיט



מיט וועלכע איך האב קליינינקע געשעפטעלאך קומען אין
דיזע צייט צו מיר צו גיין · אט זעה איך אויפען נאניק
שטייט שאהן שמואל אונד זכריה · סוחרים וואס האנדלען
מיט זיידען וואהרג · זאגט מיר וואו שטייט איהר איין · מייסטער
פופענס ! איך וועל אייך מארגען בעזוכען · אונד פיליכט
נאך היינט פון אבענט ·
מיין קוואטיר איז ביים גענעראל גובערנאטאר גראף
דקפענאפלארא אויף ווידער זעהן · מייסטער דעמבעל ביז
נאכט ! , ביז נאכט ! האט ווידער האלט דעמבעל בשעת
ער האט איינגעבויגען די קאפ נאך אהאר ביז דער ערד
דאס איז געווען אזוי א קאמפלימענט · נאך דעם ווי פופענס
האט אוועק גישאן האט זיך די גאנצע סוויטע ווי אויך
העקענע ארויף גיזעצט אויף די פערד אונד זיינען מיטען
גרעסטען פראכט אוועק גערייטען דורך אדעסע גאס · דעמבעל
האט איבעריגע מענטשען גיקוקט נאך זייערע טריט ביז ער
האט זיי פארלארען פון די אויגען ::
ער איז א פריינע! ... ער איז א קעניג ! .. האט גירעט
פאר זיך דר אלטער · ער האט גרויס הנאה פון זיין לעבען !...
עס קאן זיין אז ער איז אויך גירעכט ! .. איך בין א נאר ·
איך בין משוגע · וואס איך לעב אזוי איינזאם אין אזוי
איין ארעמוט ... אדרבה · נוא איך בין ארעם ניט קוקענדיג
אויף גאר מיין היבשהוס ! .. ווא ! איז דען ניט אלץ איינס
ווען ביי מיר אין די קעלערין אונטער די שלאסען ליגען
אוצרות וואס איך מיט מיינע קינדס קינדער וואלטען קאנען
לעבען ווי מאגנאטען · אונד איך קאן אבער פון זיי קיין
מאהל איין גראשען ניט נעהמען · די הארץ דער לאסט
מיר

מיר נים . . יתום! נײן! פּופּענס בריינגט אויס זײן לעבין אין גאר נישט · איך לעב גליקלאכער פאר איהם!

זאגענדיג דיזעס האט ער גינומען אבונד שליסלען וואס איז ביא איהם גיהאנגען אויפען נארטיל · ער האט זיך גוט ארום גיקוקט · זעהענדיג אז ער איז זיכער אז קיינער קוקט איהם נים נאך אפילו אז דיא ווייב זעט אויך אים נים נאך · האט ער גיעפענט דיא באהאלטענע טיר וואס זיא איז אשטיינענע וואנד פון זײן צימער · דארטין איז אויך גישטאנען אקליינינקער לייטער אין דער פינסטער · ער האט אנגעצונדען אלאנטערניע · ער האט צו געמאכט דיא טיר הינטער זיך · גאנץ שטיל איז ער אראפ גיגאנגען פירצעהן שטאפּלען · אונד איז צו גיקומען צו נאך אטיר · וועלכע ער האט אויך זייער בעהוטזאם געפענט: אונד איז אריין אין קעלער וואס איז פול אנגישטעלט מיט פעסלאך גאלד · ביא יעדער פעסיל האט ער זיך אפ גישטעלט אונ האט גיקוקט אויף דיא פיל גילדערנע מטבעות וואס אינעוויינג ליגט נאך דעם ווי ער האט זיך שאהן זאט אנגיקוקט האט ער אוים גישריען:

פּופּענס . .! דוא ביסט אגליקלאכער נאר אונ מער נאר נישט . . .! וואס טויג מיר דיין זיסער לעבין · דיינע גרויסקייט · מיט דיינע טייערע קליידער . . . וואש דארף איך דאס . . . אט איז מיר אגליקלאכער לעבין . . . . אט האב איך אקעלער פול מיט פעסלאך גאלד · אונ דוא האסט מיר נאך אליין היינט אויך דער ליינט פיר טויזענד טאהלער מיט טייערע זילבערנע בלים . . . אט איז דער וואהרער גן עדן! . . . .

מיט



מיט אמאהל האט רעמבעל דער הערט עפּעס אשארשק · ער איז גלייך מיט אלע געשווינדקייט ארויף גילאפען אויפען לייטער · אין איין אויגען בליק · אזוי גיך ווי איין אנדערער איונגער מענטש וואלט איהם מקנא גיוועזין · ער איז אריין גילאפען אין שטוב · אונ האט אויף גיך פאר מאכט ביידע פאר בארגענע טירען · אונ איז גאנץ באמעלאך ארוים גיגאנגען זעהן ווער איז דאס גיקומען · דיא הארץ האט אים שטארק גקלאפּט · דיא הענד האבין געציטערט · דיא מונד איז גיוועזען אפען פון שרעק · אונ מיט פירכטערליכע אויגען האט ער גיקוקט אויף דיא געסט וואס זיינען גיקומען · נאר ער האט זיך אומזיסט גישראקען · אז ער וואלט אפילו נים אזוי האסטיג ארויף לויפען פון קעלער וואלט אויך קיינער חוץ איהם דיא טיר נים גיקאנט דער זעהען · ווייל עס איז גיוועזען פינסטער אין שטוב · דען זיא איז נאר גיוועזין מיט איין פענסטער:

וואס מאכט איהר מיינע טהייערע פריינד ר' שלמה אונ ר' שמואל . . ! וואס גוטס וועט איהר זאגען · האט גיזאגט רעמבעל זייער דר' שראקען וואס זייט איהר עפּעס אזוי שפעט גיקומען · איך בין גיקומען איך פאר לייגען אנישעפט · זאגט ר' שלמה · אסותר דארף האבין פיוזענד רוביל · אך ,! איך וועל געבין · נאר עפּעס אסימן פון וואסערע עס איז סחורה · אבי עס זאל ווערט זיין אין צווייען זויא פיל איך וועל לייען איהר ווייסט דאך אז איך בין זיך פון אייביג אן אזוי נוהג · גוט זייער שיין · איך וועל איהם איבער געבין אייערע ווערטער · וואס איך דארף וועל איך אייך באלד זאגין: האט גיזאגט ר' שמואל

בשעה

Syracuse, N. Y.
Stockton, Calif.

בשעת ר׳ שלמה איז ארויס געגאנגען פון מיר · איך וויל ביי אייך קויפן אמייערין פאטרעט פאר אונזער גביר פון שטאט ·

״שיין, זייער שיין! אט איז א שיינע קארטינע · דאס איז ווי די אידען האלטען מלחמה מיט עמלק · און זיצט משה רבינו אויפן שטיין · און אהרן מיט חור האלטען אונטער זיינע הענט ער זאל תפלה טאן:

״וואס קאסט ער?״ ״טויזענד רובל! טויזענד רובל! טויזענד רובל!

״איהר האט געהערט ווי איך האב דיזען אומגליקליכען אקוראט אזוי א סומע ר׳ שלמהלען צו געזאגט. ווען איהר ווילט מיר פאר איהם ניט געבען די טויזענד רובל, וועל איך מוזען דעם פאטרעט באלד אין אנדערין, פאר קויפען, דען איך האב ביי מיר אין גאנצען שטוב איין גראשען געלט ניט. . . גלויבט מיר עהרין ווארט. . ! ״גוט איך בין צו פרידען, נאר איך וועל אייך די סומע געלט אויס צאהלען צייט דריי חדשים. — ״חס ושלום! דיזען אומגליקליך מוז איך האבען די געלט פארפול. ליבסטער פריינד! אזוי איין ארעמער מאהלער ווי איך בין, ווי קאן איך דאס ווארטען, קוים וואס איך פארדין אויף טרוקענע ברויט ווילט איהר נאך אז איך זאל ווארטען די געלט דריי חדשים! חא, חא, חא, ניין ליבער ר׳ שמואל! באצאלט מיר מאכי באלד די טויזענד רובל. און אז ניט וועל איך דעם פאטרעט באלד אוועק טראגין אויף די ליצעטאציע. דארטין וואו מען פאר קויפט מיינע ריסונקעס. דאס הויבט זיך אן היינט פון אבענד אום אוהר זיבען. . . ״עס איז ניט שיין! מען זאל פאר קויפען אין אזוי אשפעטע צייט קונצליכע ארבייט . ! רעמבעל האט אנגיהויבען צו שמייכלען:

ווען



״ווען איהר וואלט געוועזען א קענער ליבסטער פריינד. וואלט איהר אליין פארשטאנען אז פאר אליכם קאן מען ניט געפינען די פעהלערין וואס עס געפינען זיך ערמעריניים אין די ריסונקעס. און מען נעמט דעריבער פאר ווייא אזו א סך וויא פאר גוטע. . . איך זאג דאס מער ניט אייך ווייל איהר האנדעלט נאר מיט געמאהלטע קארטינעס. אבער ניכט מיט ריסונקעס. . . נאר לאז שוין זיין גענוג וועגען דעם צו ריידען. איך דארף שאהן אוועק גיין אויפען ליצעטאציע און זעהן וואס טוט זיך דארטען. איהר גיט פאר דעם פאטרעט טויזענד רובל מזומן:

ר׳ שמואל האט עפעס נאך איין אבעראט גיוואלט מאכען: רעמבעל האט דאס אבער נאר ניט גיוואלט הערין; נאר לסוף האט ער פארט נעבאך באצאלט די מזומנע טויזענד רובל. ער איז אוועק גינאנגען מיטען פאטרעט און רעמבעל איז גיבליבען ווידער איינער אליין:

אז ער האט ארום גיזעהן אז די טיר פון קעלער איז מאקי גוט פאר שלאסען, איז ער ארוים גינאנגען אויפען הויף, האט אב גיבונדען פון קיים אגרויסען הונד, און האט איהם אריין גילאזען אין שטוב וואס ער האט דארטען גידארפט זיין ביז וואנען רעמבעל וועט צו ריק קומען. דער נאך האט ער גינומען איין אלטען פלאשק און האט זיך איינגעוויקעלט אין איהם, אויפען קאפ האט ער אנגיטאן איין אלטען קאפעלוש מיט גרויסע בריגען. האט אויס גילאשען די שטיקיל ליכט וואס ער האט אנגיצונדען אין דער צייט אז ער איז אראפ אין קעלער, און איז אוועק גיגאנגען קומענדיג אין מיטען שטאט איז ער אריין אין א גרויסע הויז וואס דארטין

 האט

האט מען פארקויפט פיל זאכען אויף איין עפענטליכע ליצעטאציע · ער האט אריבער גירוקט דעם קאפעלוש איבער דיא אויגען · איינגעוויקעלט דיא צורה אין פלאשץ אז מען זאל איהם ניט דער קענען · אונ האט זיך אריין גירוקט צווישען נארד . אויף אמיש איז גישטאנען דער אויס רופער מיט א קליינעם העמעריל אין איין האנט . אונ א ריסונאק אין דיא אנדערע האנט · פיל מענטשין האבין זיך אנגירוקט אויפען מיש · יעדערער האט גיוואלט גוט זעהן דעם ריסונאק פון רעמבעל :

איין ריסונאק וויא פרעה זיצט אויפען שטול אונד יוסף איז איהם פותר חלום ·· דיא ארבייט פון גרעסטען מאהלער מאיר רעמבעל ! האט אויס גישריען דער פאר קויפער "ראכט זיך אז דער מייסטער רעמבעל האט שאהן איין מאהל דעם ריסונאק פאר קויפט, האט זיך עפעס אימעצער פון נארד אפ גירופען · עס איז נאך דאמאלס גיוועזען נאר אין האלבע ארבייט · איצטער איז עס שאהן אין גאנצין פארטיג · זעט נאר דיא קרוין ביי פרעה אויפען קאפ איז היינט צו גיקומען אנייס "נוא אזוי דארף דאך מאכן זיין אונד דער פאר קומט גאר קיין איבעריגע געלט ניט ! "וויען איהר ווילט זעלבסט ניט קויפען מיין העער ! מאכט ניט קיילע · לאזט לייטען קויפען ! האט אנגישריא גיטאן דער אויסרופער מיט אביזער · דרייסיג גילדען איז דער ערשטער פרייז ! "פירציג ! "פופציג ! "אכטציג ! . הונדערט ! "הונדערט גילדען · צום ערשטען מאל !... הונדערט גילדען צום צווייטען מאל !... ווער גיט מעהר · אונד צום !...

דער יונגער מענטש זעהענדיג אז קיינער גיט מער ניט

האט



האט ער אויס גיצויגען דיא האנט נאך דעם ריסונאק מיט אמאהל הערט מען עפעס אפארכריפעטע שטימע · הונדערט מיט צעהן ! דער יונגער מענטש האט מיט פארדרוס אנגישריא גיטאן "הונדערט צוואנציג ! הונדערט דרייסיג ! האט ווידער דיא כריפענדע שטימע גיזאגט "הונדערט פירציג ! " הונדערט פופציג ! "עס בלייבט פאר איהם, האט גיזאגט דער יונגער מענטש "איך וועל שאהן מעהר ניט געבין · עס איז שאהן אין צווייען מייער באצאלט, דער אויס רופער האט אנגיהויבין לאבען : מייסטער רעמבעל ! האט ער גיזאגט דס גיהערט צוא איך · דעם לעצטען פרייז הונדערט פופציג גילדען האט איהר זעלבסט פאר דעם ריסונאק גיגעבין ·

אלע האבין גינומען קוקן אויף דעם מיט וועמען דער אויס רופער האט גירעט · רעמבעל האט גאר גישט גילאכט אונ האט גיזאגט מיט אהויבע שטימע · עס פרייט מיך זייער וואס איך בין גיקומען צו דער רעכטער צייט · איך וויל דיזען ריסונאק באהאלטען פאר זיך · איך האב דאס מיט אטעות ארוים גישיקט פאר קויפען · אונד עס האט מיר זייער פארדראסען · דער ריסונאק איז מיר גראד זייער גיראטין · ער איז אזוי קונצליך ארוים פון מיין האנט וואס איז גאר זעלטין · איך קאן אים פון האנט ניט ארוים לאזין · נאך אהאר וואלט איך איהם שאהן מער ניט גיהאט · האב איך גאר איין מיטעל גיפונען אז איך זאל העכערין דעם פרייז · אונ מיט דעם האב איך פארריכט מיין פעלער ·

"הערט נאר צו, האט גיזאגט דער יונגער מענטש, איך וויים ניט אויב דער מייסטער זעלבסט קאן העכערין מקחים אויף זיין אייגענע ארבייט · נאר איך וויל ניט האבען וואס

צוא

צו טאן נאט אייך צוויי הונדערט גילדען פאר דעם ריסונאק!
אזוי אמטבע פאר אזוי ארעמאן וויא איך בין איז
זייער פיל. אבער גלויבט מיר יונגער מענטש אז דעם
ריסונאק אוועק צוא געבין פון האנד איז מיר ארים אין
הארצין נאר וואס זאל איך טאן איך בין דאס ווערט איך
האב נים גידארפט מאכען אזו אפעהלער, נעמט אייך דעם
ריסונאק פאר צוויא הונדערט גילדען. רעמבעל איז ארוים
גינאנגען. אונד האט אנגרויסען זיפץ גיטאן. אזוי וויא ער
וואלט ווירקליך זאלעווען אין פרעהס חלום וואס איז
נים ווערט גיוועזען אפילו קיין פירטעל געלט וואס ער
האט אוים גינארט ביא דעם יונגען מענטשין.

איצטער אז מען נויים שארץ אז איך בין היער. האט
גיזאגט רעמבעל צוא זיך אליין: מוז איך שאהן פון דאנען
אוועק גיין; דער נאר האט מיר פיל שארען גימאכט. מיט
דעם וואס ער האט מיר אוים גינעבין. איך וועל גיין בעזוכען
דעם גרויסען פארנעהמען הערין מייסטער פופענס. גייענדיג
אויפען גאס האט ער גיזעהן גרוים פאראדי דער פאליצמייסטער
לויפט זייער שנעל אויף אהראנשקע מיט אפאר פערד.
דער נאך פארט פופענס מיט דיא גאנצע סוויטע אין וועג
קאריטעס. אונד דער יענעראל גובערנאטער מיט אלע גרעסטע
לייט פארען איהם באגלייטען.

רעמבעל איז גיווארען בלאס פון קנאה אונד האט זיך
אויף ניך אום גיקערט אהיים: דער וויל האט ער נאך
נים גיזעהן וויא עס האט זיך פאר צעפעט זיין פלאשק אין
ארער פון אוואגען אונד האט אנאנצע פאלע איין גיריסען
אונד איין גיריכט. וואס איז דאס מיט דיר. האט גיפרעגט
דיא



דיא ווייב וויא זיא האט איהם דער זעהן. וואס ביסט דוא
אזוי בלייך. ביסט עפעס נים גיזונט. אך מיין גאט! זעה
וויא דוא האסט איין גיריכט דעם פלאשק. אזוי וויא מיר
גים. דיא גאנצע פאלע איז צו ריסען אויף שמיקלאך! וואס
טוט זיך היינט מיט דיר. נאר נישט! האט ער זייער
ביין גיענטפערט. עס איז נים דיין גישעפט. גייא ווייטער!
וואס פאר אנאר איך בין! וואס פאר אמשוגענער איך בין!
האט ער אנגשרייא גיטאן אז ער איז גיבליבען אליין אונד
האט זיך ארין גיזעצט אין שטול. איך בין מקנא דעם
מענטשין!... הא. איך האב דאך פעסלאך מיט נאלד.
פופענס איז געווים נים אזוי רייך וויא איך...

דער ווילע האט ער אקוק גיטאן אויף זיך צוריסענעם
פלאשין אונד האט גיקרעכצעט. אשאדען. ער איז נאר
שטארק צוריסען. ווער ווייס אויב מען קען איהם
נאך קאנען פאר ריכטען. מיר דאכט זיך אז איך וועל דארפין
מאכען אנייעם... אשאדען געלט... אשאדען...

— 5 —

נאך דעם וויא גחמן בארועללא האט ערהאלטען פון דעם
אונבעקאנטין הערין דיא אונערוואַרטעטע הילף איז איהם
אבישעל גרינגער גיווארען אויפען הארצין. גייענדיג אהיים האט
ער דער וויל גיקויפט עטליכע פונט פלייש אונג אקוואַרט
ביר. דיא אלע שפייז האט ער אוועק גילייגט אויפען
אויבען. אונד האט אנגיהויבען צו צו קלייבען דיין קליינינקע
שטיבעלע. דיא ראמטען פון דיא קליינינקע פענסטער וואס
זיא זיינען צום גליק נים אזוי שטארק צו בראכען גיוועזין
האט

האט ער צו רעכט געמאכט · אונד בארועלא וואס מען פלעגט אוי
איהם זאגען אז ער האט אלץ געקאנט · האט ער אליין אריין געשטעלט
די שויבען · ער האט פאר שמירט אונד פאר קלעפט זייער גוט · דער
נאך האט ער דעם אלמער צו רעכט געמאכט · אונד אוועק געשטעלט
אויף איין ארט · ער האט גקויפט א ביסיל האלץ · האט איינגעהייצט
דעם אויבען · אונד האט זיך אנגעגרייט צוא איין שווערע
ארבייט ווי דאס איז · דאס הייסט מטהר צו זיין די מתים ·
אונד אוועק פיהרען זיי אויף דעם בית עולם לקבר צוא
זיין · ער איז אוועק געגאנגען צום גבאי פון חברה קדישא ·
ער האט דער ציילט פאר איהם דעם גרויסען אונגליק וואס
איהם האט זיך געטראפען · דער גבאי האט געהאט נהוים
מיטלייד מיטען גוטען נחמן דעם שניידער · אונ האט ביי
איהם גאר קיין קבורה געלט ניט גינומען · ער האט באלד
געשיקט א שמש אז מען זאל די מתים ארויס פיהרען ·
בארועלע איז געקומען אהיים · אונד האט אריין געהופען
די שכנה וואס וואהנט ניט ווייט פון איהם א שטאלערס
אווייב מיט איהר שוועסטער · וויא האבען זיך גינומען די
מצוה מתעסק צוא זיין זיך ארום די מתים · דער נאך
האט מען זייא ארויס געפיהרט · צוא דער לויה איז מער ניט
גיגאנגען וויא דער שמש · די ביידע ווייבער · דער גוטער
שניידער · דער סטאליאר · אונד דער קליינער יוסף · נאר
אויפען בית עולם · האבען זייא דארטין געפונען איין עולם ·
דען מען האט נראָרע אין יענעם טאג מקבר געווען עפעס
א נגביר איינעם · דעריבער האבען זייא גיזאגט ביין קבר
פון מרים צדוק הדין מיט אמנין · אונד דער קליינער
יוסף מיט די היכף פון שניידער האט גיזאגט קדיש מיט
גרויס געוויין ·





פייבוש נעטצעלע איז גיזעסען לעבין אויבען משוגענער
הייד · ער האט גאר ניט גיוואוסט וואס דא טוט זיך · ער
האט גיכאפט די ברויט מיט די ביר · אונד האט גיגעסין
גאנץ הוהיג · ביז בארועלא ווארגען מיט יוסיפין זיינען
געקומען פון בית עולם איז פייבוש נעטצעלע אלץ גיזעסין
אויף זיין ארט לעבין אויבען אונד האט גיגריזעט אביין פון
רויע פלייש · אונד אז זייא זיינען גיקומען צוא ריק האט
ער גיכאפט די איבעריגע שטיק ברויט מיטען ביין אונד
האט בעהאלטען הינטער זיך ·
נעכטין נאך · האט דער ארעמער שניידער גיזאגט צום
סטאליער וואס איז מיט איהם גלייך גיקומען פון בית עולם
אונ האט גוויזען מיטן האנד אויף דעם משוגענם פייבוש נעמצעלע.
געכטין נאך איז דיזער מענטש מיטק גרעסטין פארנונפט
מיט אלע קרעפטין גילאפין דאמירען זיין אונגליקלאבע פאמיליע
אונד היינט שטייט ער היר נאר אן גידאנקען · נאר אן
געפיהלי ער האט גיזעהן מיט זיינע אויגען · די מייערסטע
פון זיין גאנצין לעבין ליגען טויט · אונד ער האט גישוויגין ·
ער איז געוועזין נאר גלייך גילטיג · פאר איהם אין די
אויגען האט מען די ליבסטע פון זיין גאנצין לעבין אוועק
גיפיהרט צו דער קבורה · אונד ער איז נאר גיוועזען קאלט
גליטיג דער צו · ער האט ניט גיהיינט אויף זייא · ער האט
ניט גיקרעכצט ... ער האט קיין שום געפיהל · נאר וויא
איין מהיר ..
דער היילע איז גיווארען נאכט · דער אונבעקאנטער איז
ניט גיקומען וויא ער האט באהויעלען צו גיזאגט :
אט וואס דייבע לייט זיינען האט גיזאגט נחמן מיט

אפארביטערטע

אפארביטערטע הארץ איינער זאגט זיך גאר אפ פון זיינע
נעהענטסטע קרובים · ער וויל זיי ניט העלפין אפילו אין די
גרעסטע נויטען · און וויל אפילו ניט גומל חסד זיין מיט
די מתים . . . דער אנדערער האלט ניט ווארט · ער האט
צו גיזאגט צו קומען און קומט ניט . . . הערט ר' זעליג!
האט ער ווייטער גיזאגט אומקערען זיך דיק צום סטאלער
מיר דארפין גאט דאנקען וואס ער האט אונז קיין רייבטום ניט
גיגעבין! · די פילאזאפיע פון דעם שניידער איז ניט גיפעלין
דעם סטאלער . און ער האט איהם גיענטפערט , אפשר
זייט איהר גירעכט בעסטער פריינד . ! נאר פון דעסט הענין
אז איר וואלט יעצט גיוועזען רייכער וואלט איהר פיל ווייניגער
דארפין זארגען וואס איהר זאלט טאן מיט דעם משוגעגעם
און מיט דעם אינגיל ! . . . יוועגין זיי האב איך זיך
שאהן בעשלאסען, · האט גיזאגט בארועללא אין ערנסט ·
איך וועל דיזע אונגליקלאכע וואס אלע האבין אוועק
גיווארפין ניט פארלאזען ביז וואנען איך וועל האבין אפילו
אשטיקעלע טרוקענע ברויט · און זיך דאס מיט זיי צוא
טיילען · ליבער ר' זעליג! איך האב דאנקען גאט אנאדעל
אין די הענט וואס זיא קאן אונז אמאהל געבין צו ברויט אויך
עפעס . ! איך שווער אייך ביא אלעם וואס הייליג איז ·
אז איהר זייט זייער איין עהרליכר בראווער מאן · טהייערסטער
בארועללע ! האט אנעשריא ניטאן מיט אגרויסען געפיהל
דער סטאלער . ליבסטער שכן . לאמיר זיך צו טהיילען די
מצוה אויף די העלפטי איך וויל נעמען דעם קליינעם יוסף
צו זיך פאר אלערנאינגיל איך האף אז מיט מיין מיהע וועל
איך איהם מאכען פארין בעסטען סטאלער אין גאנצען שטאט :

דער

Stockton, Calif.



דער לעזער האט שאהן גיוויס אליין פאר שטאנען אז
דער אונבעקאנטער וואס האט בארועללען גיהאלפין אין געלט
אויף תכריכים און אויף הוצאות הקבורה · און וואס ער
האט איהם צו גיזאגט אין אבענד צו קומען צו איהם איז
דאס גיוועזין פופענס ! נאר מיר דארפין דעם ליבען לעזער
ערקלערין · פאר וואס האט בארועללע ניט ערהאלטען די
געלט וואס מאיר רעמבעל האט איהם גישיקט דורך זיין ווייב ·
ווידער פאר וואס האט פופענס ניט געהאלטין זיין ווארט ·
און איז ניט גיקומען צום ארעמען שניידער :

די אלטע רעמבעלס ווייב האט בענוצט די גילעגינהייט
וואס פופענס איז צוא זייא גיקומען · איהר מאן מאיר איז
גיוועזין זייער פארנומען מיט די געסט · ער האט זיך דער
ווייל פארגעסין אין די אונגליקלאבע פלימעניקעס · און זיא
האט דער ווייל אראב גילאזען די עטליבע רובל זיך אין קעשענע :

פופענס ווידער האט פלוצלינג ערהאלטען דורך אקוריער
אפריקאו פון קעניג אז ער זאל באלד פון קעללין אוועק
פאהרען קיין ברוסעל זיך זעהן מיטען קעניג · פון היילענס
האט ער פאר געסין אין בארועללען מיט זיין צוא זאגן . און
אין אוועק גיפארען :

— 6 —

אין צעהן יאהר ארום איז ווידער פופענס גיקומען צוא
פאהרען קיין קעללין · עס איז נייגיג צו פארשטיין אז ער
איז ווידער בינאנגען בעזוכען רעמבעלען · ביין ערשטין קלונג
וואס פופענס האט אנגיקלונגען איז ארויס גילאפען איינגע
מיידיל · זייער ריין גיקליידעט · און האט איהם גיעפענט

די

דיא טירל פון טויער · ער האט זיך געוואונדערט צו זעהן
אז עס איז אלץ פיין אונד ווייס וויא געהעריג איז · דער
הויף איז ריין אויס געקערט · דיא ווענט זיינען פון דרויסען
אפ געווייסט · דיא פאראדנע טרעפ זייען אפ געפארבט ·
ער האט גאר דיא הויז ניט דער קאנט · דיא מיידעל האט
איהם אריין געפירט אין איין קליינעם ליכטיגען זאל רעבען דיא
שטוב וואו רעמבעל זיצט אונ מאהלט · דארטען איז געזעסען
איין אלטע ארענטליכע פרויא וואס זיא האט פאר שטאנגע
דיא וועלט זיא איז געוועזין אקליינע אונד אדיקע · זיא האט
געטראגען אמונקעלע זיידענע קליידי · אין האנט האט זיא געהאלטין
אבונר שליסלען אשיינע זיידענע פאציילקע האט זיא געטראגען
אויפען האלדז · אונד אציפעק מיט גאנץ ווייניג באנד גאר און
בלומען מיט אשיינעם פארוק האט צו גידעקט איהר קאפ ·
פופענם האט זיך גינייגט · אונד האט זיך געמעלדעט מיטען
נאהמען · מייסטער פופענם ! האט זיא אגישריא גיטאן · מיין
ברודער ווערט דאס רעכענען פאר אבעזונדער גליק צו זעהן ביא
זיך אין הויז אזוי אגאסט · איהר זייט דאך אונזער גאסט ! ניט
אזוי ! מייסטער פופענם · איהר זייט געוויס אין קיין ארט ניט
פאר פארען נאר צוא אייער וואהרען גוטען פריינד ! פופענם האט
זיך אנגיהויבען צו פאר ענטפערין · ווען איר האט שוין ניט גיטאן
וויא מען דארף · מייסטער ! ראריפט איהר באלד פאריכטען
אייער שולד . . . יוא אייער שולד · האט זיא ווייטער גיזאגט
שמייכלענדיג · אונד ווען איהר ווילט שאהן ביא אונז ניט
שטיין קוואטיר · מא עסט זע האץ מיט אונז מיטאג . . .
איך פרייא מיך זייער בעקאנט צו ווערין מיט אייער עהרע
ואנענדיג · דיזע ווערטער האט זיא געפעגט דיא טיר





רעמבעלס צימער · ברודער ! אונז איז געקומען צום
בעזוך אגאסט · מייסטער פופענם ! רעמבעל איז אויך גישטאנען
אונד איז איהם גינאנגען אנטקעגין · האט איהם גערייכט
דיא האנד אונ האט גיזאגט :
מיר האבען שאהן לאנג אייגער דעם אנדערין ניט
גיזעהן · שאהן צעהן יאהר · עס האט זיך פיל ביא מיר
גיענדערט פון יענער צייט אן ! איך בין געווארען איין אלטען ·
מיין אלטע צערטעלע איז גישטארבין . . . נאט איז גירעכט
אונ זיין משפט איז גירעכט ! . . . מיין שוועסטער שרה
זאל לעבין האט אלץ אין דער היים אוועק גיווארפין . אונ
איז גיקומען אהער מיר צו צו זעהן . אח ! מייסטער פופענם . . .
זיא איז אמלאך ! . . . טאקי אמלאך ! . . .
רעמבעל האט אב גיווישט דיא גרויסע טרערין ·
וואס האבין זיך גיקייקעלט אויף זיינע אלטע איינגעטארשצעטע
באקען · פופענם איז דער פון געווארען זייער גערירט ·
אונ מיט אבטהנג האט ער גיקוקט אויף שרהן וואס איהרע
צוויא באקען זיינען רויט גיווארען וויא צוויא רויזען :
היינט האט מען איך געוויס בעסער צו גינומען וויא
מיט צעהן יאהר צוא ריק · איך שעם מיך נאך איצטער
אז איך דער מאן זיך . . . שרה פאר שטייט בעסער וויא
צו צו בעמען געסט · פאר מיין צערטעלען עליה השלום ·
עס איז מער ניט איין עבירה וואס זיא בריינגט אויס זייער
פיל געלט · אזוי איין אלטען ארעמען בעל מלאכה וויא
איך בין איז שווער צו צו שלאגען זיך צום שטיקעל ברויט · ·
נוא · ווער זייט דאס אהער . . . ווען איך האב נאר קיין
מעות ניט · איז דאס דער נאטאריוס גיקעלעקער ·



Syracuse, N. Y.
Stockton, Calif.

גוט מארגען מיין געהרטער פריינד!... שרה איז אויף
גיך צוא גיגאנגען צום נאטאריוס · מיין ברודער איז פאר
נומען · האט זיא גיזאגט · אונד ער קאן ערשט מיט אייך
ניט ריידען · איך האב גיבראכט אזוי אגוטע ניים אז איך
וועל ניט אוועק גיין וואו איך וועל דאס ניט מעלדען דעם
טייסטער רעמבעלי אייער פעטער ר׳ אברהם נעהרעץ איז
גישטארבין · אונד האט אייך ביידען גילאזען ירושה פיר
הונדערט טויזענט רובל זילבער, פיר הונדערט טויזענט רובל
זילבער!... האט אנגישריא גיטאן רעמבעל מיט גרויס
פרייד · פיר הונדערט טויזענד רובל זילבער!... אייער
פעטער, זאגט דער נאטאריוס ווייטער · ר׳ אברהם געהרעץ
האט גילאזען אין אלעמען זעקס הונדערט טויזענד רובל ·
נאר ער האט זיא צו טהיילט אויף דריא גלייכע חלקים ·
אייך · אייער שוועסטער שרה · אונד דעם דריטען טהייל
דיא קינדער אדער דיא יורשים פון אייער פלימעניצע מרים ·
ויא איז גישטארבין · האט גיזאגט רעמבעל · אבער איהרע
קינדערל, דיא קינדער זיינען אויך גישטארבין פייער טויט
אין נאך ניט אנגעוויזען זאקאנעס פאראדקאס · אונ ווען
איהר קאנט דאס ניט אויף ווייזען וויא גיהעריג איז · קאן
זיין אז עס וועט אוועק גיין פיל צאהלען · אייערע איהר
וועט אפילו קאנען אייערע טהיילען אפ געסען · וואס גיהער
צו אייך, האט גיזאגט דער נאטאריוס · איהר זוייסט דאס
רובטינג · האט גיפרעגט רעמבעל יאה! מיט וואס פאר
אפרייד איך וואלט וועלען זעהן דיא סומע געלט אין מיינע
הענט · וויא גליקלאך וואלט איך דאש גיוועזין · אונ
נאך אין גרעסערין גליק וואלט איך האבען אז איך וואלט
קענען

Stockton, Calif.



קאנען זעהען מיין מרימס קינדער אויב זייא לעבין!...
האט גיזאגט שרה מיט פולע אויגען מיט טרעהרען ·
אונ אז עס וועט זיך אבזוכען דער יורש פון דיא פלימעניצע
וועלען מיר מער ניט בעקומען וויא אונזערע צוויא חלקים ·
אונ דיא דריטע טהייל גיהערט צו איהם · האט גיפרעגט
רעמבעל זייער פאר טראכט · אדער ווען איהר וועט קאנען
דער ווייזען זאקאנעס פאראדקאס · אז זייא זיינען טויט
וועט איהר אויך מער ניט בעקומען וויא אייערע צוויא
טהייל · האט גיענטפערט דער נאטאריוס · איך קאן אייך
אלץ צו שטעלען צייט אשטונד! האט גיזאגט רעמבעלי דעה
זאהן פון מיין פלימעניצע מרים לעבט נאך געווים אונד אין
פאל ווען ער איז גישטארבין איז דאס לייכט צו דער גיין · מיין
פלימעניצעס זאהן! מרימס זאהן! האט גישריען שרה
היינגעדיק, דוא מיין ברודער האסט גיוואוסט אז ער לעבט
אונד האסט איהם קיין מאל ניט דער מאנט! וואו איז ער!...
ענטפער! מיר ענטפער גיבער! איך פאר שווער דיר אין נאמעס
נאהמען!... אויב דער שניידער נחמן בארוועלא האט
איהם ניט אוועק גיגעבין צו ארעמע לייט אז זייא זאלען גיין
מיט איהם איבער דיא הייזער בעטלען איז ער נאך ביא
איהם · האט גיזאגט רעמבעל זייער פארטראכט

יהער שניידער נחמן בארוועללע!... אז ביא איהם
גיפינט זיך מיין פלימעניק... פאר וואס האסט דוא פון
מיר דעם סוד ביז איצטער פאר בארגען ·

אז האט גימוסט זיין מיין שוועסטער!... קארמען
אונ ערציהען אקינד וואו קאנען דאס מיר אונזערע ארעמע
לייט... ביסט געווים ערשט ניט לאנג דער גאנגען
פון

פון אונזער מרים'ס קינד . . . ״ניין! דאס איז שאהן צעהן
יאהר · האט געזאגט פופענס״ ״מייסטער פופענס! ״האט
שרה געשריען, איהר ווייסט נעווים וואו דער שניידער
נחמן בארועללא וואהונט · בעמיהעט אייך מיין הערר מיט
מיר צוא איהם . . . ״ער וואהונט אבער גאנץ ווייט · גאר
אין אנדערין עק שטאט · אין צימאדעללער גאס · לאמיר
גיין גיכער צו איהם · דיזען אויגען בליק . . . ״האט
געזאגט שרה צום נאטאריוס · זייט אזוי גוט · איך גייא
אייך מיט · האט געזאגט פופענס · איך בין אויך אנטקעגין
גוטען שניידערן שולדיג · איך מוז פארריכטען מיין פעהלער :

— 7 —

אז דער שניידער בארועללא האט געזעהן אז זיין
פאמיליע ווערט גרעסער מיט צווייא אונגליקלאכע מענטשין ·
האט ער זיך אליין גיפרעגט · מיט וואס וועט ער זייא אויס
האלטען · אז ער איז געוועזען איינער אליין אן זייא איז
איהם אויך אנגיקומען שווער זיין טרוקענע שטיקעל ברויט ·
וואס זע וועט ער טאן איצטער · נאר מיט גאטטעס הילף
איז אלץ גיווארען רעכט · איהם האט ניט גיפעלט ניט
אזו נאר קיין ברויט · אפילו צום ברויט אויך ניט · ער
האט גיהאט גינוג מלאכה מיט גוטע מקחים · אז עס איז
גינוג געוועזען אויף אללעם · שבת פלעגט אלע מאהל
מאכין דער שניידער מיטען שמאלער צו זאמען · אונ פלעגין
עסען אויף איין טיש . וואס עס האט דארטען קיין מאל
ניט גיפעלט קיין שנאפס אונ קיין ביר · ביין טיש פלעגין
זייא אלע מאהל רייךען וועגין יוסיפין · דיא ביידע גוטע
שכנים



שכנים האבין אויף יוסיפ'ס צו־קונפט גיבויט גרויסע לופט
שלעסער · דער סמאלער האט דעם לערנאינגעל יוסיפין
גירימט אז ער איז נאר מיט איין אונגעוועהנליכע געשווינדיגקייט
אונ פערשטאנד גיווארען גיך אונ גוט א גרויסער מייסטער ·
ער האט גאר אין א קורצע צייט פיל בעסער גיארבייט
פאר זיין בעה״ב דעם מייסטער זעלבסט זעהענדיג דיא
שיינע ארבייט וואס יוסף פלעגט אליין מאכען · האט זיך
דער שניידער מיטען סמאלער ניט גיקאנט איינהאלטען
פון פריידען אונ פאר וואונדערונג · זיין ארבייט האבען אויך
גערימט אלע וואס פלעגין בעשטעלען מלאכה ביים שמאלער ·
אונ צו ליעב דיזען לערנאינגיל האט דער סמאלער גיהאט
ווייטער פיל מלאכה · אונ האט גוט פארדינט · דיזע ביידע
פאמיליען האבין זיך ווייטער צו פרידען אונ רוהיג גילעבט
דיא גאנצע צייט · אין דיא גאנצע צעהן יאהר האבין זייא
גאר איין אונגליק גיהאט וואס דער משונענער פייבוש
בעטצעלע איז גישטארבין · זייא זיינען שאהן מיט איהם
געוועזען ווייטער גיוואונט אונ האבין שטארק גיוויינט אויף
זיין טויט · יוסף האט זיך אצייט ניט גיוואלט לאזין
טרייסטען · ער איז אבער נאך בעטצעלעס טויט ניט
גיבליבין קיין יתום · ווייל ער האט ביים סמאלער אונ
איבערהויפט ביים שניידער גיזעהן אזוי פיל אייהעלע
געפיהלען צו איהם מיט אזוי אליבשאפט · אז ער האט
זיך מיט זייא גיקאנט טרייסטין אנשטאט א פאטער
אונ מוטער :

מיט דער צייט ביסלאך ווייט האט יוסף אנגיהויבען
צוא פאר געסען אן זיין פאטערס טויט · האט ער זיך
ווייטער

Manufactured by
GAYLORD BROS. Inc.
Syracuse, N. Y.

ווייטער גינומען שטארק צו דער מלאכה · אנאנגין מאן
האט ער פאר בראכט אין סמאלארגע ביין ווארשטאט
ארבייטענדיג · פון אווענד פלעגט ער קומען צו זיין וואלטהעטער
צום שניידער · וואס ער פלעגט איהם מיט דיא גרעסטע
אונגעדולד אויף ווארטען · אונ אז ער פלעגט קומען פלעגט
נתן אליין אוים קאבען וועטשערע אונ זיי פלעגין צוזאמען שפייזין
אונ אזוי איז אוועק צעהן יאהר · אונ אונזער יוסף איז שוין געווארן
גאר א היפשער יונג · די איבעריגע צייט פלעגט ער לעזין · אן
מאהלען אויף ליינוואנד צו וועלכע ער האט גיהאט גרויסע
פעהיגקייטען · אונד אשטארקען געפיהל · ער האט דיא
מאהלעריא זייער פיל געליבט · אלע פרייטאג נאך האלבען
טאג אונד אזוי אויך ראש חדש ווען ער פלעגט זיין פרייא פון
סמאלעריא · דאמאלס פלעגט ער זיך ביין שניידער אין
שטוב פארנעהמען מיט מאהלעריא · ער האט זיך אליין
דער צוא גיסאבט אקליינעם ווארשטאטעל · פארב · פענזלאך
מיט שמיקלאך ליינוואנד האט דער שניידער פאר איהם
גיקויפט · ער פלעגט מאהלען פאר שידענע קליינע קארטינעס ·
עס איז אפילו ניט ריכטיג גיוועזען געמאהלט · נאר מען
האט ארוים גיזעהן אז עס איז מיט א גרויסען געפיהל אונ
פאר שטאנד · איין מאהל · וויא יוסף איז זיך אזוי גיזעסין
איינער אליין ביים נחמן בארוכלא אין שטיבעלע · אונד
האט זיך פאר נומען מיט מאהלעריא · האט מען מיט
אמאהל אנגיהויבען צוא קלאפען אין טיר · דער יונגער בעל
מלאכה האט געעפינט דיא טיר · מיט אמאהל עס שטייט
פאר זיינע אויגען א נידעריגע אדיקע אידענע אין א טונקעלע
זיידענע קלייד · לעבין איהר איז גישטאנען פופצענס אין
רייבע



רייבע וואייענע קליידער · אונ דער נאטאריוס פון היינטין
יוסף האט זיך צו זייא גיניגט · אונ האט זייא גיפרעגט צוא
וועמען זייא דארפין · היער וואהנט דער שניידער נתן
בארוכלא · האט גיפרעגט שרה זייער צו טראגין · · היער ! יהאט
גיענטפערט יוסף זייער פארוואונדערט , ער ווערט באלד קומען ·
זיצט אוועילע · · ·

שרה האט זיך גיזעצט אויף אשטול וואס יוסף האט
איהר דער לאנגט · דער נאטאריוס האט בעטראכט דעם
צימעריל · אונ פופצענס איז צו גיגאנגען צום ווארשטאטעל ·
אונ האט בעטראכט דיא געמאהלטע ליינוואנד · מיט גרויס
פערוואונדערונג האט ער איהם גיפרעגט ·

ווער איז אייער לעהרער · יוסף איז רויט געווארען ·
אונ האט גיענטפערט · איך האב גאר קיין לעהרער נים
מיין הערר ! נאר אז איך בין ליידיג פאצקע איך מיר
מיין מלאכה מיט וואס איך פאר נעם זיך איז גאר · · ·
סמאלעריא · · ·

איהר ווארפט מיין פריינד אוועק אייער דאק מיטען
הגבעל · אונ לערינט זיך בעסער מאהלען · האט גזאגט
פופצענס , דאס איז לייכט צו זאגען · אבער שווער צוא
ערפילען · מיין הערר ! יהאט גיזאגט יוסף · איך מיט מיין
פאטער שפייזען מיר זיך פון אונזערע אייגענע מיהע , ביין
פאטער · האט אנישרייא גיטאן שרה · ער לעבט נאך ! ·
איך רייד פון מיין צווייטען פאטער דער וואהלטהעטער
נחמן בארוכלא · וואס ער האט מיר גינומען · אונד ארים
געהארעוועט וויא מיין אייגענעם זאהן · מיין גיבארענער
הא    פאטער

Stockton, Calif.

פאטער האט זיך שאהן פעראייניגט אין הימעל מיט מיין
מוטער · אונד מיין קליינינקע שוועסטעריל, דוא ביסט יוסף
געטצעלע· האט גיפרעגט שרה יוא ! · האט ער גיענטפערט ·

מיין ליבער יוסף ! האט גיזאגט ווידער שרה פון היינט
אן הייבט זיך שאהן דיין מזל אויף · דוא וועסט שאהן
מער ניט דארפין הארעווען אויפען שטיקעל ברויט · דוא
ביסט גאנץ רייך · דוא האסט קרובים · האסט פאמיליע . . .
געם מיך הערום יוסף · איך בין דיין מוטערס אמומע ! . . .
דיא בובע שרה איז ארויף גיפאלען אויף יוסיפס האלדז ·
האט איהם גאנץ שטארק ארום גינומען · טרערין האבין זיך
גיגאסען פון איהרע אויגען · אונד האט גישריען · יוסף
מיין זאהן ! . . . מיין זאהן יוסף ! . . . איך בין איבער
גליקלאך . . . מרימס זאהן לעבט נאך ! . . .

זייט איהר דאס מאקי דיא מומע שרה · וואס דיא
מאמע עיה פלעגט אימער דער ציילען פון אייך . . . אייער
נאהמען איז ביי איהר גיוועזען הייליג . . . לאסט מומינקע
לאמיר זיך נאך אמאהל ארום נעהמען ! . . . אין דיא
ווילע האט מען גיהערט גייענדיג אויף דיא טרעפ דיא
טריט פון בארועלען · ער איז אריין אין שטוב אונד האט
גיפונען אז עס איז פול מיט פרעמדע מענטשין · יוסף האט
זיך ארום גיריסען פון דיא מומעס הענט · אונד איז ארויף
געפאלען נחמן אויפען האלדז ·

דאס איז מיין מומע ! . . . מיר זעען דיך ! . . . מיר
זיינען גליקלאך ! . . . יעצונד וועל איך שאהן מער ניט
זיין קיין סטאלער · נאר איין גיצייכענטער מאהלער ! בארועלא

האט



האט זיך וויער שטארק גיפרייט פון יוסיפס גליק · ער האט
אים ארום גינומען · אונ מיט ווייניגע אויגען האט ער גידאנקט
גאט · עס האט זיך ביי איהם גיביטען אלע ווילע דיא
קאלירען · פריהער איז ער גיוועזען רויט וויא פונק · דער
נאך איז ער אלץ גיווארען בלייכער אונד בלייכער · דיא
מומע שרה האט דער וויל גינומען יוסיפ'ן פארען האנט ·
מיט אמאהל האט בארועלא אנגישריא גיטאן מיט איין
ביטערליכע שטימע ·

יוסף מיין זאהן ! דוא וועסט דיא מומען מער ליבין
וויא מיר ! . . . מער פאר דיר · מיין טהייערער פאטער ·
האט אנגישריא גיטאן יוסף ארום נעמענדיג דעם אלטען ·
זיין ליבער פאטער ! נאר אזוי וויא דיר . . . איך וועל
דיר ווייטער אויך אזוי ליב האבין וויא ביז איצטער · מיין הארץ
קאן אייך ביידען פארנעמן · איך קאן אייך ביידען מיט אמאהל
ליבען . . . מיר וועלען זיך קיין מאהל ניט פאנאנדער
שיידען איינע פון דיא אנדערע · אזאהן דארף זיין פאטער
קיין מאהל ניט אוועק ווארפין ! . . .

ער איז גירעכט ליבסטער בארועלע ! האט גיזאגט
שרה ער איז גירעכט ! פון היינט אן דארפין מיר שאהן
אלע צו זאמען וואהנען אונ לעבין . . . קומט ליבער
פריינד · לאמיר גיין ! מיין ברודער ווארט מיט גרויס
אונגעדולד אויף זיין פלימעניק ·

מיין פאטער · · האט גיזאגט יוסף מיט פערדרוס · דוא
דארפסט איהם מוחל זיין · אזוי וויא עס האבין איהם שאהן
מוחל גיוועזען דיא וואס זיינען יעצונד אהבען אין הימעל

האט

GAYLORD BROS. Inc.
Syracuse, N. Y.
Stockton, Calif.

האט איהם געזאגט שרה שטילערהייד · קום פאטער !
לאמיר גיין ! האט אויס געשריען יוסף נעמענדיג דעם אלטען
אונטערן האנט :

"יונגער מענטש ! " האט געזאגט פופענם ארויף לייגענדיג
די האנט אויף יוסיפס פלייצע "איהר ווילט זיין מיין שילער ·
איך וועל אייך מיט אייער אלטען אוועק פיהרען צו מיר
אהיים · איך בין . . . פופענם :

פופענם ! האט געזאגט יוסף מיט גרוים פערוואונדערונג
פופענם ! . . . איך וועל זיין דער שילער פון פופענם ! . . .
איניגע מענוטען האט ער געקוקט אויף דעם גרויסען מאהלער
דער נאך האט ער מיט די רעכטע האנט ארום גענומען
דעם אלטען שניידער · אונ מיט די לינקע האנט די אלטע
מומען · אונ האט געזאגט · ניין ! איך קאן זיך מיט די
מומע שרהן ניט פאנאנדער שיידען · זיא איז זייער פיל
עהנליך צו מיין זעליגע מוטער . . . אונ אויך ניט מיט
איהם . . . ער איז מיין פאטער ! . . .

— 8 —

אין איניגע חדשים ארום האט רעמבעלס שוועסטער
שרה וואס זיא איז געוועזן איין אלמנה חתונה געהאט מיט
דעם עהרליכען מאן דעם גוטען שניידער נחמן בארועלע ·
אונ האבין זיך געלעבט גליקליך צו זאמען · רעמבעל האט
זייא אפ געגעבין מאקי ביי זיך אין הויף הייזער · אונ
זייא זיינען אלע צו זאמען געוועזן :

יוסף נעמצעלע איז געווארען רעמבעלס א שילער אונ
האט



האט זייער פלייסיג געלערינט דעם קונסט פון מאהלערייא
דער פעטער מאיר אליין פלעגט צו ציימען זאגען · אז יוסף
וועט זיין אגרעסערער מאהלער פאר אים · אין דער וועלט
האט זיך ביסלאך ווייס שאהן אנגעהויבען צו הערען דער
נאהמען פון גרויסען מאהלער יוסף נעמצעלע :

די מיידיל וואס האט געפענט די טיר פאר דעם
מאהלער פופענם איז דאס געוועזן די מומע שרהס איין
איינציגע טאכטער זיא האט מער קיין קינדער ניט געהאט
נאר איהר איינע · זיא איז געוועזן א שיינע אקלוגע אונ
איין ארענטליכעס קינד · מען האט איר גערופען לאה ; דאס
איז געוועזן אנאהמען נאך יוסיפס באבען זיין מוטערס מוטער :

אין אכט יאהר ארום נאך דעם ווי יוסף נעמצעלע
מיט נחמן בארועלע זיינען ארוים פון זייער ארעמוט ·
אונ האבין אלע צו זאמען גליקליך געלעבט האט יוסף
נעמצעלע חתונה געהאט מיט דאס מעדכין לאה די
מומע שרהס טאכטער ! . די חתונה האט מען געפייערט
מיט גרוים פאראד · דער פעטער מאיר רעמבעל האט זיך
זייער משמח געוועזן אויף דער חתונה · נאר אין רעכטע
פרייד האט ער מקבל געוועזן א בריף אז זיין איינציגער
זאהן איז געשטארבין · ווי ער האט דעם בריף איבער
געלייענט איז ער געפאלען אין אונמאכט וואס עס איז
איהם שאהן אונמעגליך געוועזן צו דער מאטעווען אונ
איז געשטארבין · אנדערע דאקטורים האבין געזאגט אז ער
האט אפאפלעקציע בעקומען · אונ אנדערע האבין געזאגט
אז פון אלטקייט איז איהם די כוחות אויס געגאנגען ·
מען

Stockton, Calif.

מען האט איהם מקבר געוועזען מיט גרויס כבוד ׃
קומענדיג פון בית עולם · האט זיך די מומע שרה
געזעצט שבעה · אונד יוסף נעטצעלע האט געוואלט צו נעמען
דעם גרויסען שפיגעל וואס איז געהאנגען אויף די שטיינערנע
וואנט · האט ער פלוצלינג דער זעהן אפארבארגענע טיר ·
יעצט האט ער שאהן פאר שטאנען וואו הין געהערין די
שליסלען וואס מען האט געפונען היינגענדיג ביי רעמבעלען
אויפען גארטיל · ער האט געעפינט די טיר · האט
אנגיצונדען פייער · ער איז אראפ דורכען לייטער
ער האט מיט די שליסלען אויך די אנדערע טיר
געעפינט · אונ האט געפונען דעם קעלער מיט די
פעסלאך גאלד וואס רעמבעל האט אנגעגרייט ׃

פאטעריל ! מומינקע ! האט ער מיט איינע הויבע
שטימע גירופען זיין צווייטען פאטער נחמן בארועללע מיט
זיין ווייב די מומע שרה · קומט אראפ אהער ! ...
זעט וואס דא טוט זיך ... פעסלאך גאלד ...
מיליאנען געלט ... אוצרות ! ...

זייא זיינען אראפ געגאנגען אין קעלער · אונ האבען
זיך פאר וואונדערט אויף די גרויסע רייכטהום וואס
מען האט דארטען געפונען ׃

ווער עס ווייס · אונד ווער עס שניידעט ! ... האט
געזאגט די מומע שרה · מיין ברודער מאיר האט אויף
געקליבען דיזעס אללעס · ער האט פון זיין לעבען גאר
קיין שום הנאה ניט געהאט · ער איז געשטארבען · אונד
דיא אוצרות זיין גאנצער פארמעגען · זיין גאנצע האראוואנע
בלייבען



פאר איך · פאר איך ! מיינע פיל געליבטע
קינדער · פאר דיך מיט דיין ווייב ! דען איהר זייט זיינע
איינציגע יורשים · גאט בעצאלט וויא מען פארדינט · דער
פעטער האט דיר פריהער ניט געוואלט אויפען שוועל ארויף
לאזען · ער האט דיר אפילו אשטיקעל ברויט ניט געוואלט
געבין · אונ היינט · אבער היינט ... ביסט דוא דער
ווירט אין זיין גאנצין הויז · גאר זיין פארמעגין וואס ער
האט געזאמעלט צייט זיין לעבין איז אנגיקומען צו דיר ·
עס איז אלעס דיינע ! ...

דער כלל איז דער מענטש טאר גאר ניט זארגען · נאך
אפינסטערע נאכט · קומט אליכטיגער מארגען ...!

עס איז אין דער וועלט בעקאנט געווארען דער גרויסער
נגיד יוסף נעטצעלע פון קעלען ׃

Stockton, Calif.